STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04775

SHURES TSVANTSIK

Israel Ch. Biletzky

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Martin & Marion Swerdlow
in memory of
Sol & Rose Swerdlow and Harry & Fannie Levin, their immigrant parents

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ח. בילעצקי

שורות צוואַנציק

ה. לייוויק־פאַרלאַג

בײַם פאַראיין פון יִדישע שרײַבער
און זשורנאַליסטן אין ישׂראל

תל־אַביב — 1982

אַרויסגעגעבן דורך
קרן קנדה לקידום ישראל החלוצית

י. ח. בילעצקי

שורות צוואַנציק

לידער

J. CH. BILETZKI

SHURES ZWANZIK

נדפס בישראל תשמ"ב

©

Printed in Israel 1982

דפוס „אור" בע"מ, שד' הר־ציון 104, טל 822481. תל־אביב

דאָס ליד — מיין אייגן פּנים:
טריף פון האַרץ און רעיון.
ווען אַלע אותיות שווייגן,
ווען אַלע ווערטער שרייען.

דאָס ליד — מיין אייגן קול,
נישט קיין טויטע מאַסקע.
אַלע בלעטער שאָרכן
אין וואַלד פון דין און לאַסקע.

דער חורבה׳דיקער היכל,
דאָס אַש פון די רואינען.
דער דיבוק פון אַ מת,
וואָס וויל זיין גוף געפינען.

די היים און אַלע קנייטשן,
די חכמה און דער גרייז,
דאָס וואָרט וואָס לעבט אין סתירות
און צאָלט אַ הויכן פּרייז.

בלאָס פינקלט נאָך אַ שטערנדל
אויפן יידיש פון מיין סידור.
מיין שיר־לאַנד טראָגט דעם נאָמען היינט
שורות־צוואַנציק־לידער.

לאָזט די לידער ליגנערן. לאָזט זיי.
לאָזט זיי זינגען פון בלאָ און גרין.
לאַכט ניט ווען אַ ליד פאַרשרייבט:
דאָס לעבן האָט אַ זין.

לאָזט די לידער, לאָזט זיי,
אויך לעם מצבות זינגען פון אַ לעבן.
זאָל אַ ליד פאַרשרייבן פאַר דעם נצח:
אויף אַ מצבה האָט ל ע ב ע ד י ק ס צו געבן.

לאָזט די לידער, לאָזט זיי,
לאָזט זיי זינגען פון הימלען און פון וואַסערן.
פון ברעגן, טייכן און פון בושלען,
אויך פון פריידן — זאָלסטו זיי ניט אַסרן.

לאָזט די לידער, לאָזט זיי.
לאָזט זיי זינגען פון לצים, נאַרישקייט און חוזק.
אַ דאַנק דעם ליגן אין אַ ליד,
קען דיין לעבן מילד זיין און ניט בייזיק.

לאָזט די לידער, לאָזט זיי,
לאָזט זיי זינגען פון אַ וועלט ניט געשטויגן, ניט געפלויגן.
לאָזט די לידער פאַרשרייבן אויף אַ טאָוול:
אַז גאָט האָט ניט חרטה אויפן ברית פון רעגנבויגן.

אין יעדן איינעם — באַהאַלטן ליגט אַ ניסתּרדיקער איך.
קיינער הערט ניט זיינע טריט.
נאָר טיף אין אַלע אברים איז אויסגעשפּרייט זיין שליטה,
במעמקים ברענט ער און ער גליט.

אין יעדן איינעם באַהאַלטן ליגט אַ פאַרהוילענער איך.
פאַרחתמעט ליגט ער אויף די דנאָען.
נאָר דאָס ליד שעפּט אים אויס מיט פולע עמערס.
נאָר דאָס וואָרט פאַרשטייט זיינע ניינען, זיינע יאָען

דער ניסתּרדיקער איך פאַרמאָגט פליגל פון אַן אָדלער,
ער גייט שטיל און באָרוועס, מ׳הערט אים קוים.
ער איז דער קודש הקדשים פון דיין טאָג און נאַכט,
ער איז ד׳ער אמתדיקער אמת און דיין טרוים.

אַמאָל הער איך ווי ער תּפילה׳ט אויס אַ תּפילה.
אַמאָל זע איך אים אין וואַלד צווישן צווייגן.
אַמאָל זינגט ער אויס ניגונים פאַרהוילענע און שטומע,
אַמאָל פאַרזינקט ער אין אַן אומעטיקן שווייגן.

אין יעדן איינעם באַהאַלטן ליגט אַ ניסתּרדיקער איך,
היינט הער איך קלאָר זיין שאָרך, היינט פיל איך זיין באַריר.
דער ניסתּרדיקער איך האַלט מיין פּען אין האַנט,
און צייכנט אויס די אותיות אין מיין שיר.

ווען איך דאַוון אין אַ פרעמדן סידור
נישט לעם אייגענעם באַלעמער,
קומט ניט אָן מיין וואָרט צום פריינד,
פאַלש די קלאַנגען פון מיין זמר.

ווען פון טיפן כ׳קען ניט, ליבער,
שעפּן ווערטער און צעוויגן,
קומט ניט אָן מיין וואָרט צו דיר,
קומט צו דיר ניט אָן מיין ניגון.

ווען די חכמה טרוקן, פאַלש,
און דער רעיון פלינק און בלאַס,
ווען איראָניע ווערט פאַרצערט
און פאַרפירט פון בייז און כעס,

איז אַ סימן אַז די סטרונעס
אויף מיין פידל וועלן פּלאַצן,
און דאָס וואָרט וועט קיינער, קיינער
היטן כבודיק און שאַצן.

ווייל אַזאַ איז שוין מיין סידור
כ׳דאַרף אַן אייגענעם באַלעמער,
כ׳זוך אַ קוואַל, אַ וווּנדער־ברונעם,
וואָס האָט ליב מיין אייגן עמער.

קומט אַ שטיין מיט טענות צום סקולפּטאָר:
אין מיינע טיפע שווייגענישן דער אין־סוף געלעגן איז באַהאַלטן,
ווער האָט דיר געבעטן אין מיין שטומקייט
אויסהאַקן מיט דלאַניעס די געשטאַלטן.

געציילט כ׳האָב מיינע יאָרן, דעם נצח איינגעשלונגען,
געטעמט כ׳האָב אין שלאָף פון הימלען כלאָראָפאָרם,
ביז דו, מייסטער, ביסט געקומען מיט דיין האַמער,
און אויסגעהאַמערט ליניעס, צורה, פאָרם.

אין מיין טויט כ׳האָב געלעבט אַ גוטן לעבן.
פאַרשיכורט כ׳בין געווען פון שווייגענדיקן בעכער.
ביז אויף דיין שטעל דו האָסט מיר איינגעאָרדנט שיין
און געשעפּטשעט: כ׳וועל דיר מאַכן העכער, העכער.

געשניטן פון מיר פאַסן מיט צער און מיט יסורים.
נישט געוואָלט דערהערן מיין כליפּ און מיין געוויין.
געשטאַלט געבויט אין מיר, געפאָרמט האָסט אַ פּנים,
מיט הענט און פיס, מיט מויל און ציין.

צוריק איך וויל צו מיין שטיינעדיקן אָטעם,
כ׳וויל ניט, מייסטער, דו זאָלסט זיין מיין יורש.
ברענג מיר צו מיין רו, צו מיינע רעגנס, זאַוויערוכעס,
צו די זונען, צו די שלאַנגען, צו מיין שורש.

ניט פון נאָענטן נעכטן, —
פון מעשה בראשית
לעב איך מיין לעבן
מיט יידישע אותיות.

דער אלף, דער בית,
די פיסל פון גימל,
מיין ביסעלע ערד,
מיין אָפענער הימל.

ניט פון נאָענטן נעכטן,
נאָך פון פאַרצייטן,
קומען די אותיות
פון דורות, פון ווייטן.

זיי קומען און בעטן:
אַ חשבון. אַ דין.
אין שקיעה איך זע זיי
און אויך אין באַגין.

אויב פאַרברענט ווערן אַן אות,
חלילה וחס,
ברענט מיטן אות
די יידישע גאַס.

וועלט, איך זע דיר מיט טרערן אין אויגן,
איך זע דיר אין בלאָטע, אין קויט.
איך זע דיר געקנאָטן אין קדושה און טומאה,
איך זע דיר אין לעבן, אין טויט.

איך זע דיר אויף בערג און אויף טאָל,
אין ליים, אין ציגל, אין שטיין.
איך זע דיר אין שטילע פאַרנאַכטן
אין חדווה, אין שטילן געוויין.

דיין פּנים איז צווייִק, געטאָפּלט.
אין שווייגן, געשריי און אין רייד.
איך זע ווי דו קומסט מיר אַנטקעגן
מיט צער און מיט הויפנס פרייד.

איך זע דיר אין וואָרט און אין ליד,
אין כראָניק, עסיי און ראָמאַן.
אין רגע׳ס, אין שעהען, מעתלעתן
איז קדושה און טומאה פאַראַן.

אויך איך אין מיין נאַכטיקן גאַנג,
פון סתירות האָט גאָט מיר געקנאָטן.
מיט גאווה איך גיי דורך דער וועלט,
און אַמאָל ווי אַ וואָרעם צעטראָטן.

אזן מתיבתא דרקיע, זיצט דער בעש״ט און לערנט תורה,
פונקען פליען פון זיין מויל, אַ חידוש נאָך אַ חידוש,
נאָר היינט דער גרעסטער חידוש אין די רזי תורה, —
דער בעש״ט רעדט פּראָסט און פשוט **יידיש**.

זיצן די מלאכים און זיי הערן, די היכלות פול מיט ליכטער,
הערן ווי די שפּראַך פון יידן נעמט איין די זיבן הימלען,
ממש ווי דאָס לשון קודש פון חמישה חומשי תורה
הערן די מלאכים, די זעלבע: אלפן און ביתן, גימלען.

דער בעל שם טוב רעדט אויף יידיש, אונדזער טביה זיצט דערנעבן,
מנחם מענדל לעם בעל שם טוב — ס׳ווערט אים ליכטיק, ס׳ווערט
אים וואַרעם.
אַ ייד רעדט יידיש אויף די הימלען און מלאכים שמייכלען אונטער,
שטילע ווערטער, ווי אַ תפילה, אָן אַ טומל, אָן אַ ליאַרעם.

שלום עליכם קוקט אַריבער, אָט איז מענדעלע און פּרץ,
און יהואש פאַרריכט אַ פּסוק, לויב זיין וואָרט און לויב זיין נאָמען.
קומען אָן מלאכי שרת, זינגען זיי אַ חסידיש ניגון
און אַ ייד פון נאַלעווקע, ענטפערט אויך אויף יידיש: **אמן**.

דער זעלבער **אמן** פון העברייער, דער זעלבער אמן פון מיין יידיש,
אין דעם מויל פון דעם בעל שם טוב האָט דעם זעלבן ליכט און פנים.
דאָרט אויף הימלען ווייס מען זיכער אַז דאָס לשון פון דעם בעש״ט
האָט געירשנט פון דעם חומש אַלע תגים און סימנים.

מיט אַן אייזערן העמערל געקלאַפּט האָט ער אין האַרטן שטיין.
אַ מצבהשלאָגער. אותיות אויסגעקלאַפּט אויף שטיינערנע מצבות,
נאָר איינמאָל האָט זיך אים פאַרוואָלט פאַר זיך אַליין אויסקלאַפּן
אַ מצבה און פאַרשרייבן : מ׳זאָל באַצאָלן נאָכן טויט אַלע זיינע חובות.

קלאָר און דייטלעך אויסגערעכנט דאָ און דאָרט, דעם און יענעם,
און צוגעגעבן האַרציק : זאָל אייך ניט פאַרדריסן :
חובות לאָז איך איבער, וואָס האָבן ניט צו טאָן מיט געלט,
חובות וואָס ליגן אין דעם שטח פון געוויסן.

נישט באַצאָלט גענוג מיין גאָט פאַר טויזיקע פרימאָרגנס,
נישט באַצאָלט גענוג מיט דאַנק, מיט תפילה פאַר מיין לעבן.
פאַר בלומען אין מיין גאָרטן, פאַר רעגנס און פאַרזייטע פעלדער,
פאַר אויסלערנען די ערשטע אותיות, פאַרן טייטל פון מיין רבין.

נישט באַצאָלט גענוג פאַר גרייטע טישן און פאַר גוטע שכנים,
פאַר הערצער וואַרעמע, פאַר שירה, פאַרן נס פון רעגנבויגן.
אַ בעל חוב פאַרבליבן מיט אַ דאַנק פאַר חנען פון אַ פרוי
און שמייכלען פון די קינדער און פאַר בריסט וואָס האָבן קינדערלעך
געזויגן.

נישט אַלץ קען מיין אייזערן העמערל פאַרשרייבן און פאַרקריצן,
נישט אַלץ קען מען אויסקלאַפּן מיט שריפט אויף קאַלטן שטיין.
אַ בעל חוב בין איך פאַרבליבן און כ׳וויל איר זאָלט באַצאָלן,
אַנדערש וועט מיין שטיינערנע מצבה פאַרגיין זיך אין געוויין.

קלאַנגען פון די קלעזמער
פידלען פון דער צייט.
בראַזגען טאַצן, פויקן
פון דער ווייטער ווייט.

אין די ווייטע ווייט
נאָענט מיר און הייליק.
אַלע עכאָס, קולות
האָבן זייער חלק.

אין די ציטערדיקע סטרונעס,
אין די וואַרעמע ניגונים,
אין די קלאָרע וואַסערן
פון שטעטלדיקן ברונעם.

קלאַנגען פון די קלעזמער
דערמאָנען מיר אַ שעה,
ווען עס ברענט מיין לעבן
צווישן דאָרט און דאָ.

צווישן דאָרט און דאָ.
נעם איך אַלץ צענויף,
שפּאַן איך צו מיין מאָרגן,
לויף איך און איך לויף.

„איך בין שוין לאַנג ניט נאַריש און ניט קלוג,
נאָר ביטרע ווי אַן אַלט געניטע שלאַנג״,
לייזער וואָלף כ׳האָב ליב דיין ליד,
די איראָניע פון געזאַנג.

דו שיסט אין ציל מיט טויזנט פיילן
דו זוכסט אַ פויגל אויף אַ צווייג,
און דער וועלט, די שטיק נבלה,
פאַרטיילסט מיט ליד אַ צונג, אַ פייג.

כ׳האָב ליב דיין חכמה׳דיקן זאָג,
כ׳האָב ליב דיין בליץ, דיין ווערטער־האָגל,
ס׳דוכט דו זינגסט זיך אין דער היים,
און איך זע דיך אין דיין וואָגל.

דיין ליד איז אָנגעשאַרפטער מעסער,
דיין ליד איז חלפדיקער שניט,
ליגט דיין האַרץ אין אַלע ווערטער
און דער שכל אין דער מיט.

לייזער וואָלף כ׳האָב דיך ליב,
דיין ערנסט שפּילט אויף פידל, פלייט.
שיק אַריין דיין לעצט וואָרט
וואָס האָסט געשריבן פאַרן טויט.

ניט איינמאָל זאָגט צו מיר מיין לאַנד:
כ'האָב פאַרפלייצט מיט ליכט דיין לעבן,
זשאַלעווע ניט אַ פּאָר ווערטער,
קענסט אַ בינטל סטראָפן געבן.

כ'האָב דיר טראָפּנס טוי צעגאָסן,
אויף די פעלדער פרוכט געמערט,
איז זײַ ניט, דיכטער, אַזאַ קמצן,
איך בין אויך אַ לידל ווערט.

כ'האָב געעפנט פאַר דיר קוואַלן,
כ'האָב אַ הימל דיר באַוויזן,
כ'האָב פון קינדער ליליפּוטן
אויסגעקנאָטן שיינע ריזן.

כ'האָב פאַרזייט אויף ערד און באָדן
פולע זאַנגען און בטחון,
אויב אַפילו ס'ברענט אַ פייער
פון דער בייזקייט פון דעם שכן.

גערעכטע טענות פון מיין היים,
כ'קום אַ חוב איך וועל באַצאָלן,
כ'וועל נאָך זינגען פאַר מיין לאַנד
דאָס ליד פון בערג, דאָס ליד פון טאָלן.

וויין ניט, מאַמע, וויין ניט, ווייסט אַוודאי
אַז אין די ספרים האָט אַ דיכטער שוין פֿאַרשריבן
אַ באַלאַדע,
און האָט וואָרט צו וואָרט געקליבן.

דערציילט די באַלאַדע, לאמור: אַזוי צו זאָגן:
וויין ניט, מאַמע, וויין ניט, דיין פּנים איז אומעטיק און בלאַס,
הער אויף צו קלאָגן,
פֿון דיינע טרערן זענען די תּכריכים מיינע נאַס.

כּל זמן מיט נעפּלען זיינען פֿאַרצויגן דיינע שויבן,
און די אויגן דיינע פֿול מיט טרערן, —
מתים גלויבן
אַז די תּכריכים וועלן קיינמאָל טרוקן ווערן.

וויין ניט, מאַמע, וויין ניט. אין מתים שטיבל זשומעט
אַ פֿריילעכער שטערן. אויך דאָרטן
ווייט פֿון דיין אומעט
האָבן מאַמעס דאָ פֿאַרפּלאַנצט רויזן אין דעם גאָרטן.

מתים האָבן זייער לעבן. אויך זייערע הימלען אַ פֿאַרביקער בויגן,
מתים פֿון די לעבעדיקע וועלן זיך ניט שיידן.
מיינע אויגן
קוקן נאָך די וווּנדער פֿון גן עדן.

מ׳זאָגט: אַ באַלאַדע דאַרף אַ טויטן גוף,
אַ קיסר דאַרף אַ קרוין.
פֿאַר מיר גענוג איז אַ באַלאַדע
וואָס פֿאַרמאָגט געוויין.

מ׳זאָגט — באַלאַדע דאַרף אַ טויטן קנעכט,
גענוג איז אויך אַ טויטער האַר,
פֿאַר מיר גענוג אַ טרער אין אויג,
פֿאַר מיר גענוג דער צער.

ניט אַלץ וואָס ווערט דאָ היינט פֿאַרשוווּנדן,
מיט בלוט באַשפּריצט, באַדעקט,
איז ווערט אַריינגיין אין באַלאַדע
אויף איר לאַנגן וועג.

אַ געפֿיל וואָס גוסט אין־דער־מיט
אַ מחשבה אויסגעמורמלט ווי אַ קדיש
גייט אַריין אין מיין רעגיסטער
מיטן נאָמען: ס׳איז באַלאַדיש.

דיכטער זוכן צורות, פֿאָרמען,
אותיות ווילן זיין צוזאַמען.
באַלאַדע הייסן אַלע ווערטער
וועלכע ברענען אין די פֿלאַמען.

אַ לעצטע שעה. אַ דיכטער שיקט אַ לעצטן גרוס דער וועלט
זיין פעלד מיט גרינע גראָזן שוין פאַרגראָזט.
געניגנט און געשפילט אויף פידלען פון דער שירה,
קיין טאַקט ניט דורכגעלאָזן, קיין קאָמאַ ניט פאַרלאָזט.

נאָר שווער אין לעצטע שעה, אָפּצוזאָגן ווידוי.
צו ליריש. צו באַלאַדיש. צו סתם אַזוי אין פּראָזע.
עס שטייט אַ לעצטע שעה און עטעמט שווער
מיט חוצפּה, מיט געלעכטער און מיט האָזע.

נאָר ער דער בלייבער דיכטער איינגעשפּאַרט.
נאָך אַ ווײַלע, וואַרט. נאָך עטלעכע מינוטן.
געבליבן איז אַ ליד נאָך ניט פאַרענדיקט,
אַ ליד וואָס רייסט זיך נאָר פון מיינע בלוטן.

שטיל אַרום, לעצטע כאָרכלען, לעצטער קוק
אויף מענטש. אויף פעלד. אויף זיך,
אויף אַלץ וואָס האָט געשפּינט, געוועבט
דעם אומרו און דעם צאַפּל פון זיין איך.

דאָס איז די באַלאַדע פון אַ לעצטע שעה
ווען דער דיכטער האָט זיין לעבן שטיל פאַרענדיקט.
אין אַזעלכע פאַלן איז פאַרשריבן אויף אַ ספר:
פיר זיך, דיכטער, ווי דו פירסט זיך שטענדיק.

מ׳זאָגט — און אפשר איז עס קיין לעגענדע,
אפשר איז עס בלויזער אמת.
אַז אויפֿן סיני באַרג, צעברעכנדיק די לוחות,
האָט אַן אות פֿאַרשפּרונגען און פֿעלן פֿעלט דאָס אות אין אַלע
טעמעס.

מ׳זאָגט אַזוי — אַז אונדזער אלף־בית איז דריי און צוואַנציק אותיות.
איין אות פֿאַרבליבן ביים באַרג סיני אויף אַ שטיין.
פֿעלט אין אונדזער צער אַן אות,
אַן אות פֿון יידישן געוויין.

שרייב איך די באַלאַדע פֿון אַן אות, וואָס בענקט צוריק אַ היים,
אַן אות וואָס קייקלט זיך אויף דורות־וועגן ווי אַ ראָד.
זאָגן לאמר די חכמים:
דאָס אות וואָס פֿעלט קען פֿאַרבינדן מלכות מיט יסוד.

צווישן אַלע זוכער פֿון דעם אות זיינען דיכטער,
דענקער, פֿילאָזאָפֿן, אין קעלערן, אין היכלות, אין זאַלן.
חסד קען ניט אָנקומען צו דין,
כל זמן דאָס אות וואָס פֿעלט, ליגט ערגעץ־ווו פֿאַרפֿאַלן.

דאָס איז אַ באַלאַדע פֿון אַן אות וואָס וויינט מיט פֿייערדיקע טרערן.
אפשר וויסן קבליסטן, וואָס האָט זיך פֿאַרלאָפֿן,
ביז היינט שטייען צוויי און צוואַנציק אותיות, וואַרטן אויפֿן אות,
אויפֿנעמען דעם גאָסט שטייען טיר און טויער אָפֿן.

דעם אומעט פון אַן איינזאַמען מענטש,
שפּיל אויס אויף אַ גרויסער באַנדורע.
נאָר אַן אַ סך־הכל.
מעק אויס די לעצטע שורה.

טיף ווי דער ים און העכער פון הימלען
און ווייט אין מרחקים, אין־סופן.
דאָרט האָט אַמאָל דער אומעט
דעם איינזאַמען מענטשן געטראָפן.

פּאַרקוקט האָט דער איינזאַמער מענטש
אין די אויגן פון אומעט.
שטילקייט אַרום. נאָר אַ בין אויף אַ בלום
האָט מיט שטילקייט געזשומעט.

דעם אומעט פון איינזאַמען מענטש,
האָט נאָך קיינער פאַרשריבן.
איך ווייס, אַז אַ דיכטער האָט ווערטער
צו אַ באַלאַדע געקליבן.

די באַלאַדע, האָט דער דיכטער געזאָגט
וועט ווערן פאַרקריצט אויף אַ האַרבסטיקן שטיין.
אויף די סטרונעס פון דער גרויסער באַנדורע,
וועט די באַלאַדע דערציילן פון כליפּ און געוויין.

אַ לשון — עלנט, אין בגדי מלכות אָנגעטאָן.
דאָס איז אַ באַלאַדע.
כאָטש סוצקעווער לשונט אויף די אותיות
און אַ פידלער — חיים גראַדע.

אין בגדי מלכות אָנגעטאָן,
נאָר קריעה אין אַ לאַץ.
דער עמוד אומעטיק,
אַ בלייכער שטייט דער ש״צ:

„כ׳האָב נאָך טויזנט תפילות.
כ׳טראָג נאָך אַ פאַרמעג.
איבער דורות־שליאַכן
לאָזט מיר גיין מיין וועג.

ס׳ליכטיקט נאָך מיין וואָרט.
באַשיינט איז נאָך מיין טאָג.
אוצרות ליגן אָפן
אויפן שאָל פון וואָג.״

דאָס איז אַ באַלאַדע,
אַ באַלאַדע פון אַ לשון
מיט קריעה און מיט אַש,
און ווערט קיינמאָל ניט פאַרלאָשן.

דאָס איז די באַלאַדע פון די ליאַלקעס
אין קעלן.
(קען איך מיין באַלאַדע געפעלן
אָדער ניט געפעלן).

יידישע ליאַלקעס פון ישראל,
ליאַלקעס מיט חנען.
ליאַלקעס מיט טרערן.
ליאַלקעס וויינען.

ליאַלקעס האָבן אַ זכרון.
זיי געדענקען.
נשמות האָבן ליאַלקעס :
זיי בענקען.

אַ דייטשע האַנט די ליאַלקעס
האָט געגלעט :
געהערט האָב איך אין קעלן
אַ ליאַלקע האָט גערעדט :

מיין ליאַלקע **דאָרטן**
געהאַט האָט פיס און הענט.
אַ דייטש אין קעלן
י ע נ ע ר ליאַלקע האָט פאַרברענט.

אַז דער מאָרגנשטערן האָט אָנגעקלאַפּט אין פענצטער,
איז אַוועק דער חלום און דער טאָג האָט זיך אָנגעהויבן טוקן
אין שאָטנס, אין דעמערונגען, אין וויזיעס פון פאַרשווּנדענע
געשטאַלטן.
קראַנק איז געווען דער טאָג. מסוכן.

דער זכרון האָט ניט אָפּגעלאָזט. פאַרשוונדן איז דער שמייכל.
געבליבן אַ זכרון פון צוויי אויגן. געבליבן אַ געוויטער
וועלכער רייסט אַרויס די וואָרצלען, בייגט איין די קרוינען פון די
ביימער,
געבליבן איז אין האַרצן אַ לעבעדיקער ציטער.

דאָס איז די באַלאַדע פון דעם לעבעדיקן ציטער, וועלכער בלייבט
אויך נאָך די שטורעמס און הערט ניט אויף צו רעגענען,
ער הענגט אויף אומעטיקע צווייגן האַלב אָפּגעריסענע פון בוים
ער וויל צוריק צוויי אויגן אויף זיין וועג באַגעגענען.

דאָס איז די באַלאַדע פון לעבעדיקן ציטער, פאַרבליבן נאָכן
לעצטן קוש,
דעם זכרון פון די טעג צינדט ער מיט זיין פאַקל
ער איז וואָרצל, צווייג און קאָרע, ער איז דער עכאָ אין דיין וואַלד
דעם לעבעדיקן ציטער רופט מען אָן: סך הכל.

סך הכל פון צוויי שוואַרצע אויגן, וואָס האַלט די שפּיצן פון דיין
האַרץ,
און זשומען ווי אין פאַרמאַכטע בינשטאָקן די בינען.
דאָס איז די באַלאַדע פון די וווּנדן, אָן באַנדאַזשן, ווייזקע,
ווען יענער גאָרטן הערט ניט אויף צו לייכטן און צו גרינען.

חוה וויינט. ווו איז דער בערגל
דאָרטן ליגן אדמ׳ס ביינער.
די לעגענדע דערציילט; דער זון שת ווייס.
נאָר ער און מער ניט קיינער.

חוה בעט: זאָג מיר, זון, ווו דער בערגל איז.
דער טויט האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר.
קאַלט אַרום. איך פיל
דעם האַרבסטיקן באַריר.

זון מיינער, שת, ברענגט מיר דאָרט אַהין
צום בערגל פון גן עדן.
ליגן וויל איך לעם מיין מאַן,
ס׳איז דאָ אַ פּלאַץ פאַרביידן.

שטיל אַרום. גאָט ענטפערט ניט.
עס שפּאַצירט אַרום אַ לייכטער ווינט.
„אפשר וויל מיר גאָט באַשטראָפן,
פאַר מיין לייכטזין, פאַר מיין זינד.״

חוה וויינט. לעצטע טרערן אויף איר חן,
דער טויט קומט אָן פון אַ גן־עדן גאַס.
שת פאַרטראַכט. דער בערגל פון זיין טאַטן
וואַרט ניט ווייט פון עץ הדעת.

דאָס איז אַ באַלאַדע פון אַ טאָג וואָס איז אַוועק אין ווייטע ווייטן.
מיטגענומען האָט דער טאָג אַ ביסל פרייד און אַ בינטל טרערן.
אַוועק — און רעשטלעך פון אַ חלום ליגן באַנדאַזשירט,
געבליבן ביי דער שקיעה דמיונות און באַגערן.

נישט געענדיקט האָט דער טאָג זיין לעבן. פאַרבליבן איז אַ צאַפּל
וואָס גייט אַריין אין נייע טעג און בעט אַ גוטן קדיש.
אויב דו קענסט ניט, דיכטער, אויסזינגען דעם צאַפּל ליריש,
שפּיל אים אויס אויף דער באַנדורע דיינער — באַלאַדיש.

דער טאָג האָט זיך געוואָלט פאַרזאַמען. ניט געוואָלט אַוועק
צו יענע ווייטן וועלכע שלינגען איין אַפילו דעם זכרון.
געוואָלט אָנגיסן אַ כוס. לחיים טרינקען מיט חברים,
ניט געוואָלט פון קאַלענדאַרן ווערן אָפּגעריסן, ווי אַלע שאַטנדיקע יאָרן.

דער טאָג האָט זיך געבעטן: כ׳קען נאָך שיינען, כ׳קען נאָך ליכטיקן,
כ׳וויל ניט זיין קיין ע ב ר, כ׳וויל פאַרבלייבן ה י י נ ט:
כ׳טראָג נאָך טויזנט פריידן, כ׳טראָג נאָך עלנט, צער,
פּאַמעליך, מיינע שעהען, כ׳האָב ניט אָ פּ ג ע ש י י נ ט.

אַ רויטע שקיעה אויפן הימל. נידעריקער, נידעריקער
פאַלט אַריין אַ זון אין ים, אַ נאַכט איז אָנגעקומען.
דער גזר־דין ווערט אויסגעפילט אכזריותדיק — קאָרעקט,
בלייבן בלייבט באַלאַדע אויפן דיכטערס גומען.

אַ קאָפּ האָט זיך געשטעלט אין הימל פענצטערל
מיט אויגן פון די פלאַמען,
אין תהום אַראָפּגעקוקט,
אַ קעפּל זוכט אַ מאַמען.

אַ קעפּל וויל אַראָפּ אויף דר׳ערד.
באַטראַכטן וויל עס ווייטן.
דורכן הימל־פענצטערל
אַ קעפּל זוכט די צייטן.

די צייטן פון די פייערס, אַשן
ווען פינצטער איז געוואָרן,
פאַרוועלקט האָבן די בלומען,
געוואָקסן איז דער דאָרן.

ווען אַ לעבן נאָך אַ לעבן
געצאַנקט און איינגעגאַנגען,
ווען דער סערפּ געשניטן האָט
די קעפּלעך ווי די זאַנגען.

דורכן הימל־פענצטערל אַ קעפּל,
אויף פליגלען פון דעם ווינט,
זוכן אויגן נאָך אַ מאַמע,
זוכט אַזוי אַ קינד.

דאָס איז אַ באַלאַדע פון אַן אַנטלויפער.
מורא האָט ער פאַר זיין שאָטן.
אַ ציטער מיט אַ טרער אין האַרץ:
ניט שטענדיק איז דאָס ליד געראָטן.

אַנטלויפט ער זוכן אותיות. גראַמען.
אויף דערנער לויפן זיינע פיס.
טרעפט ער אויף די וועגן אותיות,
אין יעדן אות איז דאָ אַ ריס.

לויפט ער זוכן נייע גראַמען.
זיצט ער דאָ אַליין. אַליין.
ס'לויפט אַנטקעגן דורך אַ גראַם,
וויל צו וואָרט פון ליד דערגיין.

דאָס איז אַ באַלאַדע פון אַ זוכער,
פון אַ שטאַמלער, אַן אַנטלויפער.
האַרץ און שכל וויל ער צאָלן,
מ'קען אים פאַר אַ גוטן קויפער.

נאָר די אותיות און די גראַמען,
ווילן ניט מ'זאָל זיי קויפן.
דאָס איז אַ באַלאַדע פון אַ קונה,
וואָס קען ניט פון יריד אַנטלויפן.

ברייטע שטעפּ, ברייטע שטעפּ
אין דיין באַלאַדע — שבת־שטעפּ.
ס׳איז אַ באַלאַדע פון אַ מיידל
וואָס פאַרמאָגט האָט בלאָנדע צעפּ.

בלאָנדע צעפּ און בלויע אויגן
און אַ טראָט פון אַ מאַדאָנע.
ליגט אַ פעלד אין שונא׳ס הענט
אַ רוצח אַקערט מיט אַ בראָנע.

אַ הירשל לויפט פאַרביי דאָס פעלד,
די בראָנע אַקערט טיפע טרעפּ.
דאָ וועלן ליגן בלויע אויגן,
דאָ וועלן וויינען בלאָנדע צעפּ.

דער רוצח ווייס ניט פון קיין חכמות.
די בראָנע ראַיעט שניט נאָך שניט,
ס׳איז אַ באַלאַדע פון אַ מיידל
וואָס איז געשטאַנען אין־דער־מיט.

אין־דער־מיט פון צער און טרויער,
אין־דער־מיט פון וויי און קלעם.
בלאָנדע צעפּ און בלויע אויגן
אין די הענט פון סמך־מעם.

דער קבר — נידעריק און שמאָל
מ׳גיט ניט מער ווי דלת אמות.
דעם בעל עגלה און דעם רב
און אַפילו אויך דעם שמש.

נאָר דער שמש וויל ניט וויסן
פון משפטים און פון חוקים.
דער שמש וויל אַ ביסל מער,
כאָטש צעהאַק אים און צעבראָך אים.

ער וויל ניט גיין אין ד׳ אמות,
אַ שמש קומט אַ ביסל מער.
אָפּגעדינט אַ לעבן לאַנג,
געטראָגן אין זיין האַרץ אַ טרער.

אין דער צוואה שטייט פאַרשריבן:
דעם קבר טיפער מאַכן, ברייטער.
ער דאַרף אין קבר צוויי־דריי טרעפּלעך,
ער וועט בויען דאָרט אַ לייטער.

דער לייטער וועט אים פירן דאָרטן
ווו ער קען מיט וואָרט דערקלערן:
אַז אַ קבר פון אַ שמש
דאַרף מער אָרט פאַר זיינע טרערן.

דאָס איז אַ באַלאַדע פון אַ תפילה,
וואָס האָט פאַרמאָגט אַ סך ניגונים.
אַ זון האָט זיך געשפיגלט אין דער תפילה,
ווי עס שפיגלט זיך לבנה אין אַ ברונעם.

די תפילה האָט פאַרמאָגט אַ פלאַימדיקן קול,
פאַרשמיסן אין דער וועלט פון רשעות מיט אַ קנוט,
דער בעל תפילה האָט געמורמלט און דער ניגון
האָט געטעמט און געלעבט ביז דער לעצטער מינוט.

אויך ווען דאָס קול איז פאַרשטומט געוואָרן
האָט די תפילה נישט געוואָלט פאַרשווייגן.
ווען דער וואָרצל איז צעריסן און צעפליקט,
זינגען נאָך די בלעטער אויף די צווייגן.

דאָס איז אַ באַלאַדע פון אַ תפילה,
די אותיות אירע צעריסן און צעשענדט.
געבליבן זענען דאָך ביים דוכן
דער טלית און דער כהן מיט אויסגעשפּרייטע הענט.

די תפילה וויינט נאָך היינט ביי דעם בעלעמער,
אָן שטרויכלונגען, חסרונות און אָן פגמען.
קיינער קען צעשיידן דעם בעל תפילה פון דעם ניגון,
אייביק לעבן זיי צוזאַמען.

ביז דו וועסט ניט אָנשרייבן די באַלאַדע פון מיין לעבן,
האָט געזאָגט דער מת, וועט אַן אויג פאַרבלייבן אָפן.
ביז דו וועסט אין וואָרט ניט דערציילן מיינע פריינד,
וואָס אין מיין לעבן האָט פאַסירט און וואָס האָט זיך פאַרלאָפן, —

וועט אַן אויג קוקן אויף דער וועלט אויך דאָרט
אין די פייכטע ד׳ אמות, און טענה׳ן וועל איך טענה׳ן:
אַ דיכטער האָט מיר צוגעזאָגט באַשרייבן אין אַ ליד
מיין לעבן מיט אַלע מיינע פיינען, מיט אַלע מיינע שיינען.

נו, פּרוביר איך, אָבער דיין אָפן אויג שרעקט מיין ליד,
און מיין וואָרט קען ניט אָנקומען צום סוף.
מאַך צו דיין אויג, מת, און דאַן וועלן אַלע אותיות
וואַך זיין, אַן מורא פאַר דיין אָפן אויג, דיין שטראָף.

נאָר דער מת אַן עקשן. אַן אָפן אויג קוקט אויף מיר
מיט כעס, מיט יאָמער און מיט רוגזה. כ׳וואָלט אַנטלאָפן
צו אין־סופן, — נאָר ס׳פאַרלירן מיינע ווערטער זייער כוח,
כל זמן אַן אויג פון אַ מת בלייבט ציטערדיק און אָפן.

בלייבט מיין באַלאַדע אָן אַן אָנהויב. כ׳קען קיין שורה בויען.
צו האָט זיך שוין אַזוינס אין אַ באַלאַדע־ווי געטראָפן?
זוכט אין אַלע ביכער, אפשר וועט איר דאָך געפינען
מתים, וועלכע האַלטן טויטע אויגן אָפן.

דאָס איז אַ באַלאַדע פון אַ גלעזער וואָס האָט זיין אַרבעט נישט פאַרענדיקט,
געבליבן זענען פענצטער אָן די שויבן.
דער רעגנבויגן אויפן הימל האָט זיך ניט באַוויזן,
און קיין איילבירט בלעטל האָבן ניט געבראַכט די טויבן.

דאָס איז אַ באַלאַדע פון אַ גלעזער וואָס האָט מיטגענומען אַלע פענצטער
אויף יענער וועלט פאַרריכטן און פאַרגלאָזן.
אויף דער וועלט האָט אים זיין מזל און זיין גורל
פאַרברענט אויף האַלעוועשקעס און אָן אַ קבר אים פאַרלאָזן.

ביז היינט שטייען נאָך די פענצטער אָן די שויבן, נאָר דער גלעזער קומט
פון יענער וועלט אויסמעסטן די ראָמען מיט די מאָסן.
די חורבה שטייט אין קלעם, דער חלל וויינט מיט וואָלקנס.
אַלץ אַרום איז חרוב. אַלץ אַרום — צעשאָסן.

דער גלעזער זאָגט אָפּ קדיש לעם די לעבעדיקע שויבן,
ער נעמט אַרויס די כלים, עס פאַלן קיטקעס קיט.
א מ ן ענטפערן די מתים אָן די קברים,
ביים עמוד שטייט אַ פענצטער אָן די שויבן אין־דער־מיט.

אָפּגעדאַווינט האָט דער גלעזער, אויסגעמאָסטן אַלע מאָסן,
נישט דורכגעלאָזט קיין שפּאַרונקעלע, דער קלענצטער,
אַוועק איז אונדזער גלעזער אין די הייכע הימלען
אַריינשטעלן אין זיי די שויבן און די פענצטער.

דאָס איז די באַלאַדע פון די שווייגענישן,
וועלכע צעפאַלן זיך אין ווייען,
צעריסן ווערן זיי אויף אַלע וועגן
פון אומגעדולדיקע געשרייען.

די שטילקייט וויל פאַרבלייבן שטילקייט,
אין וואַלד, אין גאָרטן און אויף פעלד.
ס'אַנטלויפט די שטומע דממה דקה
פון גערויש, פון געטומל, פון דער וועלט.

די שטילקייט פאַרשריבן האָט מיט בלינדע אותיות:
איך פאַרמאָג באַזונדערע סימנים.
די געשרייען נאָר אויף גאַסן און ירידן
פאַרגעוואַלדיקן מיין צניעותדיקן פנים.

דאָס איז אַ באַלאַדע פון דער שווייגעניש,
וואָס מורמלט תפילות אינדערשטיל:
זיי געבענטשט דו טיפער שווייגענדיקער שכל.
זײַ געבענטשט מיין ציטערדיק געפיל.

אויב די שווייגעניש פאַרלירן וועט איר פנים,
מיט משוגעת אין אויגן, חסר דעה,
וועט טויט אַרומגיין איבער אַלע בריקן
און ד ו וועסט אויך שטיין אין דער רייע.

דאָס איז אַ באַלאַדע פון אַ חלף וואָס האָט ניט דערקווילעט אַ
כשרע הון,
די ברכה פון שוחט פאַרבליבן אין מיטן,
נעם אויף דערבאַרעמדיקער דעם כשרן חלף,
באַהאַלט אים צווישן אַלע שניטן.

געהערט האָב איך, אַז דער חלף זוכט דעם שוחט.
אַז די ברכה מאַכט צירופים נאָך צירופים.
זי וויל צוריק אַריין אין שוחט׳ס מויל,
נאָר ע ר, דער שוחט, אַ קרבן לאַנג צווישן אַלע גופים.

די הון געדענקט ביז אחרית הימים דעם שאַרף פון חלף.
די הון געדענקט: די ברכה אַ שטילע, אַ באַהאַלטענע אונטער
זיין פאַלע.
אפשר וועט דאָ דער אר״י אַרויסהעלפן,
דער אר״י מיט זיין קבלה.

דאָס איז אַ באַלאַדע פון אַ חלף וואָס זוכט דעם שוחט.
דער נאָמען פון דעם שוחט? אפשר שרגא, זלמן אָדער קלמן.
בני־קבלה גייט אַרויס, אפשר געפינט איר אַ מצבה,
און אויף איר אַן אויפשריפט: דאָ ליגט דער חלף מיטן שוחט. דאָ
אויף דעם ביתעלמין.

און אויב איר וועט געפינען, בני קבלה, זאָגט אַפּ קדיש,
קדיש אויף אַ חלף פון אַ שוחט, אַ ברכה, טויט צווישן אַלע טויטן,
זאָל דער קדיש דממה־דקה־דיק אַריינגיין אין מיין באַלאַדע
וואָס וויל דעם חלף, דער ברכה און דעם שוחט אויך באַגלייטן.

דאָס איז אַ באַלאַדע פון צוויי בלינדע אויגן וועלכע זוכן
אַ וועלט מיט ליכט פאַר זייער בלינדן צער.
אויב די וועלט האָט נאָר אַ ביסל רחמים, און אַ ביסל חן,
קומט דעם בלינדן אויף דער וועלט זיין שכר.

דאָס איז אַ באַלאַדע פון צוויי בלינדע אויגן,
ס׳האָט דער גורל זיי באַעוולט יונגערהייט.
פאַרלוירן איז געוואָרן אויף די וועגן זייער ליכט,
ווי פאַרלוירן ס׳איז געוואָרן זייער פרייד.

צוויי בלינדע אויגן וואַרטן שטענדיק אויף אַ נס.
דעם נס אויף זייער קאָנווע וועבן זיי און שפּינען.
ס׳גלויבן בלינדע אויגן, אַז אַ מלאך, צו אַ מענטש,
וועט זייער ליכט אין גערטנער נאָך געפינען.

דאָס איז אַ באַלאַדע פון צוויי בלינדע אויגן
וואָס האָבן אַ זעעוודיקן אויפן וועג געטראָפן.
געהערט האָבן די בלינדע אויגן אַ דיכטער האָט פאַרשריבן:
כל זמן דאָס ליכטעלע ברענט דאַרף מען האָפן.

בלינדע אויגן ווייסן ניט אַז הימלען האָבן שטערן.
אַז שיין און פאַרביק איז דער רעגנבויגן.
נאָר גלויבן גלויבן זיי, אַז חלום איז רעאַל,
אַפילו אין דער באַלאַדע פון צוויי בלינדע אויגן.

אַ לעבן אַנטלויפט, קיינער הערט, קיינער זעט,
די טעג אויף אַ רוקן פון רייטער.
די נעכט ווי שטורקאַצן ברענען און ברענען
אַט ווערן זיי ווייטער און ווייטער.

דאָס איז אַ באַלאַדע פון אַ טאָג און אַ נאַכט,
פון אַ לץ וואָס שטייט מיט בזיון.
אַ טאָג לויפט אַוועק. אַ נאַכט ווערט פאַרברענט.
איך טרינק היינט לחיים, שגעון.

אַ דיכטער געקומען ער וויל אַלץ פאַרשרייבן.
ער מוז היינט אין ספר באַריכטן:
דער לץ שטייט נאָך ווייטער, ער וויל מיט געוואַלד,
פון מיין לעבן פאַרקריצן געדיכטן.

פאַרוואָס דאַרף אַ לץ די באַלאַדע אויסשניצן,
מיין טאָג און מיין נאַכט לזכרון, —
פאַרשריבן, אַז בלומען ווערלקן אין זומער,
נאָר אייביק בלייבט שטענדיק דער דאָרן.

דער לץ האָט פאַרשלונגען פון מיין ביאָגראַפיע
די זון, די לעגענדע, די שטראַלן.
דאָס איז אַ באַלאַדע פון אַ נאַכט און אַ טאָג,
וואָס לעבט אין תהומות, קאַנאַלן.

דאָס לעבן וואַרפט דיר צו אַמאָל אַ פאַרהוילענעם חסד.
אַ פאַרהוילענעם חסד מיט פליגל.
אַמאָל איז דער חסד געקנאָטן פון ליים,
אַמאָל איז דער בנין פון חלום און ציגל.

דער פאַרהוילענער חסד, איז ניגלה און סוד,
ער האָט זיינע מידות און מאָסן.
ניט שטענדיק איז אָפן דער אוצר פון חסד,
אַמאָל אין אַ קעסטל פאַרשלאָסן.

דאָס איז אַ באַלאַדע פון פאַרהוילענעם חסד,
וואָס האָט קיינמאָל זיין וועג ניט געפונען,
צום איינזאַמען מענטש וואָס ווערט אומגעדולדיק
לעם גאָלדענע קרוינען און זונען.

דאָס איז אַ באַלאַדע פון פאַרהוילענעם חסד,
וואָס האָט זיך פאַרזוימט אין פאַלאַצן,
ביז ער האָט זיין שטעקן און טאָרבע געפונען,
האָבן אים שוין באַגלייט די פּאַיאַצן.

געבליבן דער איינזאַמער מענטש אָן דעם חסד.
ער זוכט אים אויף וועגן שוין לאַנג.
ווער ווייס צו דער פידלער וועט ברענגען אין אלקער
אַ ציטער פון פאַרהוילענעם קלאַנג.

דאָס איז אַ באַלאַדע פון אַ תכלת־ציצה,
וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון אַ טלית.
ווער סטו דער תכלת־ציצה געפינען,
וועט עס זיין פאַר דיר התגלות.

התגלות פון אַ ייד אונטער בייטש און פּיין,
התגלות פון אַ טלית וואָס דאַוונט אַליין.
צעפּליקטע גלידער פון אַ ש״ץ
און יעדער גליד אין קדושה ריין.

די תכלת־ציצה אין הימלען אַוועק
זוכן דעם גאַרטל פון אַ ייד.
ס'איז אַ באַלאַדע פון אַ נס
וואָס האָט זיך פאַרלאָפן אין מיין ליד.

דער גאַרטל מיט דער תכלת־ציצה
ביים גן־עדן טויער זיך געטראָפן.
הער זיך איינעט קליין באַלאַדע,
וואָס מיט זיי האָט זיך געטראָפן:

די תכלת־ציצה און דער גאַרטל
אַ בונד געשלאָסן און געשוואָרן.
טראָגן אייביק י ע נ ע ם טלית,
א י ם פאַרקריצן אין ז כ ר ו ן.

אַזויפיל דורות: תבואות,
אַזויפיל דורות: גראָזן,
דאָס איז אַ באַלאַדע פון די זאַנגען,
וואָס האָבן אַ פעלד פאַרלאָזן.

געוואָקסן און געזונגען,
ביז דער סערפּ איז אָנגעקומען,
האָבן לעבעדיקע זאַנגען
אָנגעהויבן שטומען.

— איר דאַרפט דעם בידנעם מענטש,
ברויט און לאָסקע געבן
— דערפאַר דאַרפן זאַנגען
אָפּגעבן דאָס לעבן?

דורות רעדט דער סערפּ
מיט אַ שמייכל צו די זאַנגען.
אַ רויטע שקיעה ווײנט,
אַ לעבן איז פאַרגאַנגען.

דאָס איז אַ באַלאַדע פון די זאַנגען
פון סערפּ און שווערד און שפּיזן.
אַז ברויט מיט טויט פאַרבונדן,
האָט שוין דער סערפּ באַוויזן.

נשמות וואָס פינקלען פון צעפּאַלענע שיימעס
און זוכן אַ תיקון אין תּפילות פון יידן.
נשמות וואָס קומען פון דאָרטן דערציילן
פון בתּי מדרשים, פון מאַרקן, ירידן.

דער נעכטן ווערט היינט און דער היינט
ווי אַ זייגער אָן ווייזערס פון צייט
אָן אייביקייט קוקט פון די שיימעס אַרויס,
אַ נצח פון גוף און פון חומר באַפרייט.

פאַרקוקט אויף דער דיכטער אין צעריסענע שיימעס,
אַ שיימע פון שחרית, פון מוסף, פון נעילה,
און אפשר פון יענע יסורים־מקומות,
אַ בלעטל פון צאָרן, אַ בלעטל פון תּפילה.

די שטילע נשמות אין פּחד געהילט,
דער שומר בלאָזט אַלץ נאָך שברים און שברים.
ווי צעריסענע שיימעס אָן קדיש, תּכריכים,
קריכן נשמות אַרויס פון די קברים.

דאָס איז די באַלאַדע פון נשמות וואָס פינקלען,
ווי ליכטיקע טויען נאָך סערפּיקן שניט.
דאָס איז די באַלאַדע וואָס זינגט אין די בלוטן
און פאַרטרויערט מיט וויי און מיט צער דיין געמיט.

ויהי היום, און דאָס וואָרט האָט זיך צעבונטעוועט.
כ׳וויל אין ליד ניט אַריין. ניין און ניין און ניין.
ס׳איז מיר אומעטיק דאָרט מיטן כלל, מיט די אותיות.
גרויס איז מיין דמיון, אין ליד בין איך קליין.

דאָס וואָרט האָט זיך צעבונטעוועט: אַ טעות איז אין חשבון.
אַזויפיל ווערטער אין אַ ליד. אַ חוצפּה. אַ בזיון.
איך אַ ל י י ן, מיטן כוח פון אַליינקייט,
קען חרוב מאַכן וועלטן און קען בויען.

דאָס וואָרט האָט זיך צעבונטעוועט. אַ בן יחיד כ׳וויל פאַרבלייבן.
אַ בן יחיד אויף דער וועלט, אָן אַ פריינד און אָן אַ שכן.
זע איך זיך אַליין, וואַקסט אין מיר די גבורה,
שטייגט אין מיר מיין אמת און בטחון.

אַליין. כ׳וויל נישט גיין מיט ליד אין דעם גן עדן
פון קריטיקער, אַלצווייסער און מבינים.
כ׳האָב מיין שולחן ערוך, כ׳וויל לעבן אָפּגעזונדערט, פרום
מיט די אייגענע מנהגים, מיט די דינים.

אַליין. כהאָב זיך ניט פאַרזינדיקט צו זיין מיטן כלל,
כ׳פאַרמאָג מיינע אייגענע ברענענדיקע אויגן.
מיין הימל איז אָן אייגענער, אויף אים מיינע געצעלטן
אַליין איר בין דער פידלער, מיט קלאָרקייט אין מיין בויגן.

דאָס איז די באַלאַדע פון דעם ווילנער גאון
ביי די טויערן פון גן־עדן:
אַן אויפשריפט: דער אַריינגאַנג פריי פאַרן ווילנער גאון,
פאַרן ת נ י א, פאַר ביידן.

דער ווילנער גאון איז געבליבן שטיין.
דער ת נ י א? ער דערמאָנט זיך אין זיין נאָמען,
דער לובאַוויטשער? חבדניק?
אין זיין מנין שווייגן וועט מיין א מ ן.

דער גן־עדן וואַרט, אָפּגעלייגט די תפילות.
דער ווילנער גאון האַלט זיך ביי זיין שיטה.
אין די הייכן הערט זיך אַ תפילה פון אַ טויטן חסיד
אַ האַרציקע, אַ פריידיקע, צעגליטע.

פון וואַנעט קומט דער זיסער קול
פרעגט שטילערהייט דער ווילנער גאון.
אשן פון פאַרברענטע גופים
קומען אָן און וויינען, וואָיען.

אויף די חורבות, אויף די אשן:
לאָמיר שלום מאַכן, יידן.
מיין באַלאַדע, אויס באַלאַדע,
צוזאַמען תניא מיטן גאון אויף די יידישע ירידן.

פאַר אַ מינוט ליבע — צו אַ פרוי, צו אַ קינד,
פאַר אַ שעה תפילה, פאַר שווייגן, פאַר רייד,
פאַר חכמה פון אויגן, פאַר ניגון, אמונה,
פאַר זוכן דעם אמת אין וואָרט, אין באַשייד, —

גיב איך דיר אָפּ אָן פשרות, אָן ברירות,
מיינע בלעטער פאַרגעלטע פון איכישן סידור,
מיין מחזור פון יום־טוב וואָס ליגט אויף מיין טיש,
די סטראָפן, די גראַמען, דעם טאַקט פון די לידער.

פאַר אַ מינוט ליבע צו אַ פרוי, צו אַ קינד,
פאַר אַ שמייכל פון חן, פאַר אַ שמייכל פון חסדים,
גיב איך דיר אָפּ, דו שעפער פון וועלט,
מיין טלית קטן, דעם תכלת פון פאָדעם.

פאַר אַ שעה תפילה, פאַר שווייגן, פאַר רייד,
וואָס ברענגען אַריין אַ זשאַרקעלע טרייסט,
נעם, בורא עולם, נעם וואָס דו ווילסט,
און זאָל דאָס וואָרט פון מיין האַרץ זיין אויסגעלייזט.

לאָז מיר זינגען דיר שבחים, פאַר אַלע מתנות,
פאַר אַלע געשאַנקען, פאַר ליבע דער עיקר,
אַ דאַנק וואָס מיין לעבן איז קיינמאָל ניט ניכטער,
אַ דאַנק וואָס דו פירסט מיר אויף וועגן פאַרשיכורט.

ווערטער זוכן זייער זיווג,
ווערטער זוכן זייער יחוס.
אויב דער גראַם איז פול מיט חיות
זאָגט דער אלף: מיר איז ניחא.

שטיין אַפילו לעם דעם תיו,
אַ לעצטע שעפעלע אין סטאַדע,
ווער ווייס דעם יחוס פון דעם תיו,
אין באַשאַף מיט פגם אַוודאי.

ווערטער זוכן זייער זיווג,
נישט אַלע ווילן זיין צוזאַמען.
ווערטער זוכן פרייד און פייער,
ווערטער זוכן היים און פלאַמען.

אויב דער טאַקט איז רייך און בלוטיק,
אויב ס׳פאַרמאָגט די שורה אָטעם,
זאָגט דער ב׳ אים איז ניחא
מיט כל הנערים, כל השבטים.

ווערטער זענען שטילע כוואַליעס
אויף יבשות און אויף ימען,
די אותיות פירן זיך ווי מענטשן:
אַמאָל אַליין, אַמאָל צוזאַמען.

ווי דו, באַריישאס גייער,
בין איך ערד־און־הימל־בינדער
ווי דו, דורותדיקער ייד
בין איך אַ לעשער און אַ צינדער.

ווי דו באַריישאס גייער,
דאָס וואָרט אויף אַלע דורות וואַכן,
ווי מענדעלע דער קאָצקער,
הימלען העכער וויל איך מאַכן.

לעבצונג נאָך אמונה
גייט מיר נאָך די כפירה.
אַ מענטש מיט טויזנט סתירות
בויט זיין היכל ש י ר ה.

אַלע פוסקים, פילאָסאָפן,
חסידים, מקובלים
קנעטן ליד נאָך ליד
פון גאַסן און פון חלום.

ווי דו, באַריישאס גייער
מיינע אותיות וויל איך זאַמלען:
פאַר מיין וואָרצל, קאָרע,
פאַר רייד און אויך פאַר שטאַמלען.

ווען איך וואָלט, שבתי צבי, אין דיין צייט געלעבט,
וואָלט איך מיין קראָם פאַרקויפט און געוואַרט וואָלט איך אויף
פעקלער,
מיט באָרוועסע פיס צום גאולה גאַנג וואָלט איך מיין גוף געגרייט,
און דעם שמש כ׳וואָלט געהייסן: צעטיילן פאַר אביונים מיינע
גאָלד־זעקלער.

כ׳וואָלט קלאָר און דייטלעך געזאָגט משיחן ביי די טויערן פון רוים:
דיין נאָמען איז געבוירן געוואָרן אין די ערשטע טעג פון מעשה
בראשית.
פאַרוואָס קומסטו ניט, פון אַלע טונקלענישן, פון אַלע תהומות,
איבער יידישע גופים — מתים, איבער צעשאָטענע־חרובע־אותיות.

און אויב דו קומסט ניט, בעטלער, זיץ ווייטער ביי די טויערן פון רוים,
און בייט די יאטרעדיקע באַנדאַזשן אויף דיינע ווונדן.
אָט איז אַ ייד געקומען מיט חבלי משיח אין האַרץ, אין גוף,
אין אויגן,
און פייער פון גאולה מיט חזיון און קבלה האָט ער אָנגעצונדן.

איך גיי נאָך אים. אָט ליגט אַן אויסגעשאָכטענער יידישער ישוב
און וויל ניט וואַרטן אויפן בעטלער, איך וויל ניט וואַרטן מער.
אָט ליגן מתים אויף די שוועלן, הרוגי ת״ח און ת״ט,
אויף פאַרברענטע מזוזות און חרובע הייזער הענגט אַ מאַמעס טרער.

ווען איך וואָלט שבתי צבי, אין דיין צייט געלעבט,
וואָלט איך אַוועק מיט שמואל פרימאָ פריידיקן און מיט נתן העזתי,
די זאַנגען אויף די פעלדער ציטערן, עס שרעקט זיי די מחשבה:
אפשר קומט דער שניטער אַן מיט סערפּ און שאַרפע קאָסע.

אליהו הנביא׳ן דאַרף מען ניט זוכן,
אליהו הנביא איז ווונדער און נס.
ער קומט מיט מתנות, מיט שמייכל און חסד,
נעם די מתנות, — פאַרגעס.

פאַרגעס אַז דער אַלטער געווען אין דיין שטוב,
פאַרגעס אַז דו האָסט אים אויף גאַסן געטראָפן.
אַ נס אַריין אין דיין היים און אַוועק.
אַ ווונדער האָט זיך פאַרלאָפן.

נאָך היינט גייט דער אַלטער אויף יידישע גאַסן,
קלייבט אין אַ פעסל יידישע טרערן,
קליין איז דער כוס, ער דאַרף שוין אַ פעסל.
אין כוס־צוויי־דריי ליכטיקע שטערן.

אין חלום געזען כ׳האָב די צוויי גוטע אויגן,
געפילט ווי אין חלום זיין חניק באַריר.
געהערט זיינע ווערטער און כ׳גלויב אויף אַן אמת
ער וועט מיר העלפן שרייבן אַ שיר.

אַ שיר ווו מיין לעבן וועט אַלעס דערציילן,
אַז ניסים און ווונדער באַלויכטן מיין ליד,
דער אַלטער צעוואַרעמט די יידישע אותיות,
גלייב מיר, ס׳איז אמת, ווי איך בין אַ ייד,

ווערסט פֿאַרדינען שטיקער גאָלד,
אויב דו ווערסט דיין חלום ברענגען צו ירידן,
אויב דו ווערסט די שקיעות און די נעבט
פֿאַרקויפן די, וואָס קויפן נאָך חלומות — יידן.

ווערסט פֿאַרדינען שטיקער גאָלד,
אויב דו ווערסט קומען צו די יידן דערציילן,
אַז דו האָסט אַנטדעקט אין פּנקס-מעדיצין
אַ רפואה, וואָס קען פון אומעטיקן טאָג דיר היילן.

ווערסט פֿאַרדינען שטיקער גאָלד,
אויב דו ווערסט ברענגען די טאַנצענדיקע בערן,
צו די הייזער וווּ עצבות קעניגט ווי אַ קיסר
וווּ אין נעפּלדיקע אויגן בלישטשען טרערן.

ווערסט פֿאַרדינען שטיקער גאָלד,
אויב אַ קונה וועט אָנקלאַפּן אין טיר און זאָגן:
כ׳בין געקומען אָפּקויפן דיין חלום,
צוזאַמען מיטן ניגון, צוזאַמען מיט דיין פערד און וואָגן.

ווערסט פֿאַרדינען שטיקער גאָלד,
נאָר וויי, אוי וויי, די ירידן האָבן באַנקראָטירט,
דער חלום ליגט איינגעפּאַקט אין פּעקל,
כ׳בלאָנדזשע אויף די מאַרקן, דער דמיון האָט פֿאַרפירט.

אַ קינד בין איך געווען און געזוכט אַ כישוף־בלום,
אַ מעשה האָט דערציילט, אַזאַ וואַקסט אין אַ גאָרטן,
נאָר דער גאָרטן איז מיט דערנער און אַ היטער היט,
דער גאָרטן איז ניט דאָ, נאָר דאָרטן, דאָרטן.

די מעשה האָט דערציילט אַז אויב מ׳זוכט געפינט מען
בין איך אַרויס זוכן אויף ירידן, צווישן קראָמען,
אַ כישוף בלום וואָס וואַקסט אין אַ דערנערדיקן גאָרטן,
האָט דער פּאַרקויפער מיר געזאָגט: דאָ פּאַרקויפט מען בשמים.

בין איך אַרויס זוכן אין ווייטן, אין מרחקים,
געפרעגט האָב איך די מענטשן, ווו וואַקסט אַ כישוף־בלום?
ניטאָ, ניטאָ אין ערגעץ, ניטאָ אַזאַ מין גאָרטן,
האָט אַ ווינטל ברוגזדיק אַריינגעפליסטערט שטום.

האָב איך געפרעגט מיין מעשה, זאָג מיר אויס דעם אמת,
אפשר איז אַ כישוף־בלום אַ לעגענדע און אַ סוד,
און אַלע דיכטער גראָבן די גערטנער אויף וועלטן,
און זוכן ליכט און חן, שיינקייט און גענאָד.

אַ קינד בין איך געווען און געזוכט אַ כישוף־בלום,
אַרויפגעוואָרפן אויף די אַקסלען אַ דיכטערישע טאָגע,
אין די בגרות יאָרן האָט די מעשה מיר אַנטפּלעקט:
אַ כישוף־בלום? — כ׳האָב ניט קיין השגה.

די הגדה, מיין באַגלייטערין אין לעבן
האָט פאַר מיר מיט חן באַהאַלטן,
אַלץ וואָס האָט צו טאָן מיט חלום,
מיט די טייערסטע געשטאַלטן.

זיצט דער בעש״ט אין קלאָרע הימלען,
אַ בן בית אין די הייכן.
נאָר מלאכים נאָענט צום בורא
צו זיין מדרגה קוים דערגרייכן.

אַז דער בעש״ט זיצט אין די הימלען
וועט אונדזער דין ניט זיין צום שלעכטן.
ער וועט טענה׳ן קלאָר און דייטלעך:
אַ פּסק דין פאַר דעם גערעכטן.

און ווער גערעכטער אויף דער וועלט איז,
ווי דער ייד אין זיין התגלות,
שטייט דער בעש״ט און טענה׳ט ווייטער:
כ׳שווער ביי ציצית, כ׳שווערביים טלית.

פאַרשווייגן שטום מלאכי חבלה,
פאַרשווייגט פאַרביסן אויך דער שטן.
ווו דער בעש״ט קומט אָן צום משפּט,
איז זיין טענה׳ן גוט, געראָטן.

צפת איז ווייט. אויפן צווייטן ברעג פון אין־סוף.
און די בערג רייך אין פאַרבן, ווי די תשוקות צו גאולה.
נעם אַריין אין דיינע טאָרבעס טיפן אומעט, טיפן צער,
און קום מיט אַן אָפן האַרץ און אויגן — מיט בענקענישן פולע.

נעם מיט דעם נצח. נאָר ניט פאַרגעס די רגע.
נעם מיט די קלאָרקייטן פון טאָג און זיינע סודות.
דער טאָג לעבט אויס די שעהען זיינע אין „אחד״,
דער ניגלה און דער ניסתר — צוויי לעבעדיקע עדות.

אפשר אויפן וועג צו צפת וועלן דיר אַנטקעגנקומען
אַלע בענקענישן, לעכצענישן, — די גאולה שלימה.
עפן אויף דיין תרמיל, נעם זיי מיט מיט זיך,
און היט זיי ווי דו היטסט דעם צמח און ד׳עם דומם.

דער וועג צו צפת איז ווייט. אין־סופיקע מרחקים.
דער וועג צו צפת — דורך הייליקייטן און תהומות.
טובל זיך אין זיבן טבילות, דאַוון אָפּ די תפילות,
אפשר וועסטו אָנקומען צו צפתיקע מקומות.

נעם מיט „תפארת״ אויפן וועג און אַלע שיינקייטן,
וואַרף אַריין אין טאָרבע אַלע חנען.
מ׳זאָגט, אַז דער וועג צו צפת איז דורך דיין טאַטנס טלית
און זיין עטרה אַן אויסגעווייקטע אין געוויינען.

כ׳האָב אַ מאָל געזען אַן אכסניה מיט אַן אויפשריפט,
דער אַריינגאַנג איז פאַרבאָטן. דער אַריינגאַנג איז פאַרווערט.
אויב דו ביסט אַ דיכטער, אין האַרצן טראָגסט אַ חלום,
קום אַריין. פלאַי־פלאַים זענען דיר באַשערט.

האָב איך געפרעגט די וועגן: ווי הייסט דאָ די אכסניה,
וועלכער מלך קנעט דעם ליים דאָ, ווי אַ טעפּער,
ווער האָט אויפגעשריבן אָט די ווערטער אויפן שילד:
אַ חכם. אַ ליידאַק. אַ בעטלער, אָדער גאָר אַ שלעפּער?

ווער לאָזט דאָ ניט אַריין אַ מידן, שוואַכן וואַנדערער?
און פאַרוואָס דווקא נאָר אַ דיכטער קען אָנקומען אַהער?
געהערט האָב איך אַ תשובה, אַז אַ מלך האָט פאַרשריבן:
אָנקומען קען איינער וואָס טראָגט איז זיך אַ טרער.

אין ווי זשע הייסט דאָ די אכסניה, ווער געדעקט האָט דאָ איר דאַך,
ווער אויף אירע פונדאַמענטן האָט זיך אָפּגערוט און אָנגעשפּאַרט?
ווער האָט דאָ דעם דיכטער, צו שטילקייטן געבראַכט,
ווער האָט דאָ זיין חלום אויסגעלאַכט און אָפּגענאַרט.

קיינער ווייסט ניט ווי דער נאָמען, קיינער ווייסט ניט ווער דער בויער,
קיינער קען ניט דאָ די סטעזשקעס, דער אַריינגאַנג איז פאַרבאָטן.
געזען האָב איך אַ טעפּער, און אַ גרויסע קופּע ליים,
דעם חלום פון זיין לעבן האָט ער דאָ געקנאָטן.

ווי אַ מאָל, אין די קינדער יאָרן, ווי אַ מאָל,
הער איך דאָ אין דרויסן מיין מאַמעס קול.
ווי אַ מאָל הער איך אירע שטילע טריט
און די שבת־קודש לייכטער אין־דער־מיט.

אַ נאַכט־לאָמטערן דערמאָנט אין יענע קינדער יאָרן
אַ הימל מיט קליינע וואָלקענדלעך צינדט אָן זכרון
און די מאַמע מיינע, מיט שמייכל און מיט שפּאַס
רופט אַריין אין שטוב, גענוג שוין מיט דער גאַס.

גענוג שוין מיט דער גאַס. די ווערטער דינע, שטילע
עס וואַרט אויף דיר דער טאַטע מיט דער תפילה,
נו, וואָס וואַרטסטו דאָרטן אין דיין חלום,
ס׳וואַרט אויף דיר אַ טיש מיט שטוביקע מאכלים.

ווי אַ מאָל, ווי אין די קינדער יאָרן, ווי אַ מאָל,
הבדלה מאַכט דער טאַטע: המבדיל בין קודש לחול.
און די מאַמע האַרציק־שטיל זאָגט נאָך:
זאָל אָנקומען אַ שלומדיקע וואָך.

ווי אַ מאָל, ווי דאָס לעבן לויפט אַ שטייגער,
נאָכן טאַקט פון גרויסן הענגענדיקן זייגער, —
ס׳האָט זיך אַ וואָכעדיקער טאָג אין שטוב אַריינגעשאַרט,
אַ טאָג, וואָס האָט מיין מאַמען אָפּגענאַרט.

מיין מאַמע האָט דעם זון אָוועקגעשטעלט לעם גדר
און ער פאַרקראָכן צו דעם ברונעם.
אין זיינע טיפקייטן האָט ער דערהערט:
ניגונים.

מיין מאַמע שטייט און וואַרט
איר זון זאָל קומען צוריק אַהיים.
נאָר די טיפקייטן פון ברונעם האָבן פאַרשלונגען אים —
געהיים.

די מאַמע וואַרט, דער זון איז ניט געקומען.
פאַרוואָס קומט מיין זון אַ שטראָף.
דער ברונעם ענטפערט: מיינע טיפקייטן געהערן
דעם אין־סוף.

ניטאָ קיין גבול, קיין תכלית, צו די טיפקייטן.
איך בין קיין ברונעם ניט, איך בין תהום.
ווער עס קומט צו טיפקייטן, — אים פאַרשווענקט
דער שטראָם.

דער שטראָם פון גראַם, פון ניגון, פון טאַקט,
דער שטראָם פון ליד, פון רחמים, ליבשאַפט און גענאָד.
די מאַמע האָט דעם זון אַוועקגעשטעלט ביים גדר
ווי געקומען איז ער צום תהום ביז היינט פאַרבליבן איז אַ סוד.

די טעכטער האָבן אַרויסגעוואָרפֿן דעם קעניג ליר.
געבליבן איז ער אָן מזומן.
די טעכטער לאַכן פֿון אַן אַלטן טאַטן.
שגעון איז צו אים געקומען.

שטייט אַן אַלטער טאַטע אין דעם דרויסן.
שטייען טעכטער און זיי לאַכן.
וואָס קען אַן אַלטער טאַטע טאָן,
וואָס קען אַן אַלטער טאַטע מאַכן ?

פּאַטשט דער רעגן אויס דאָס פּנים,
דריקט אויף אים אַ שוואַרצע נאַכט.
טראַכט דער קעניג ליר מחשבות.
דער מייסטער שעקספּיר אויף אים וואַכט.

איז ער איינער פֿון די לצים ?
ווּעמעס ביסטו, ווּעמעס, ווּעמעס ?
פֿון אַזעלכע אַלטע טאַטעס
בויען מייסטערס די פּאַעמעס.

קום אַהער דו גרויסער מייסטער,
קום איך וועל דיר עפּעס זאָגן.
דיין אכזריות, גרויסער מייסטער,
קען דער לייענער ניט פֿאַרטראָגן.

ניטאָ ביי וועמען זוכן יושר,
ניטאָ ביי וועמען.
כ׳בלעטער אַלע בלעטער אין די ספרים,
כ׳זוך באַקאַנטע נעמען.

אפשר ביי די למד-וואָניקעס
רייך אין אָרעמקייט און חסד,
אפשר ביי מצבה קריצער,
וואָס האָבן שוין מיין שטיין געטעסעט.

אפשר ביי די מקובלים,
אַריינגעטאָן אין חקירות
אפשר ביי די דיכטער,
אין די הענט באַנדורעס, און סטרונעס אָנגעצויגענע אויף לירעס.

אפשר ביי די וואַסערטרעגער
מיט קעשענעס מיט לעבער;
אפשר ביי דעם שיכור
וואָס אַנטלויפט פון לעבן צו דעם בעבער.

ניטאָ ביי וועמען בעטן יושר
אַזוי פאַרשריבן איז אויף שיימעס
אפשר אין די עולמות עליונים,
אין פאַרבאָרגענע מקומות.

אברח ממך — אליך, אויב אַפילו שווער דער וועג
און בין ניט שיכור מיט אמונה ווי מיט ווײַנען,
אויב אַפילו דערנער אויף די סטעזשקעס
און פול דער לאָגל איז מיט פּײַנען :

אויב אַפילו די קאָרבן זענען פול מיט ספקות
און דאָס האַרץ — יסורימדיק, מיט צער׳ן
און אין די טויבנשלאַקן פּאָרען זיך ניט ווײַסע טויבן
אויף הימלען און אויף ערד מיט טויזנט קולות שרײַען די געפּאַרן ;

אויב אַפילו ס׳גייט מיר נאָך דער גאַז פון אַלע קוימענס
און ווייט איז מיר די נאָענטקייט פון מענטשנס חסד,
און ניט אַלע זײַנען בצלם אלוהים געבוירן,
און אַרמילוס איז פון האַרטן שטיין געטעסעט ;

אויב אַפילו דער בלאַנק פון חלף ליגט נאָך אויף מײַן האַלדז
אַ זעעוודיקער איז בלינד געוואָרן אַ ריידיקער — אַ שטומער,
און אויף אויסגעדאַרטע הענט פון זין און טעבטער
איז אײַנגעקריצט אַ בײַזער, אַן אכזריותדיקער נומער, —

אברח ממך — אליך. פון מיר צו דיר אין שטורמעניש, אין רייד,
פון מיר צו דיר, ווו נאָר קוואַלן ריזלען טיף און שלאָגן,
אברח ממך — אליך, צו דיר גאָט און קעניג פון מײַן ליד,
צו דײַנע מיסטעריעזע הימלען, צו דײַנע שחריתן, פּאַרטאָגן.

וווּנדער איבער וווּנדער — דער אָנהייב פון מחשבה,
אַ פּאַדעם נאָך אַ פּאַדעם ווערט געוועבט.
וווּנדער איבער וווּנדער די קאַנווע פון געדאַנק,
פון טיפקייטן אַ וואַסער טרעגער שעפּט.

אַ רמז נאָך אַ רמז ,אַ סוד לויפט נאָך אַ סוד,
קיינער האָט די וועגן ניט דערפּאַרשט.
יעדע רגע איז אַ פּליאה, ס׳פּאַלן די מחיצות,
און דאָס לעבן שטייט אין תענוג פון דעם דאָרשט.

ווי דאָרשטיק אונדזער לעבן נאָך אמת און נאָך שיינקייט,
ווי דאָרשטיק שטייען מאָמעס געבויגן איבער וויגן.
ניוטאָנס עפּל איז לעגענדע, דער סוד און כוח פון דער ערד,
ס׳איז דער סוד פון דאָרשט, ס׳איז דער סוד פון ניגון.

וווּנדער איבער וווּנדער דער אָנהייב פון מחשבה,
מיט שטומקייט האַלטסטו איין פּאַרבענקטע ליפּן.
סודות און רמזים לויפן דורך מדבריות,
אַ דענקער זיפּט מחשבות דורך כישופדיקע זיפּן.

רוף עס ווי דו ווילסט, ס׳האָט קיין סימן און קיין נאָמען,
רוף עס ווי דו ווילסט: לעגענדע צו חזיון.
איך ווייס נאָר איינס: דער וווּנדער פון מחשבה
געבוירט אַ מענטש מיט פליגל, ער האָט אַ נאָמען: ג א ו ן.

דווקא,
אין אומעטיקע טעג, ווען איך זוך זיך אַליין
עפן איך אַ ספר פון פראַנץ קאַפקאַ
און איך דערזע: צווישן זיינע בלעטער — מיינע אויגן.

אין אומעטיקע טעג, ווען שאלות און פאַרדראָסן
יאָגן נאָך די טריט,
דערזע איך, אַז אין דאָסטאָיעווסקין ליגט פאַרשלאָסן
אַ טייל פון רמ"ח און שס"ה.

אָפטמאָל דוכט זיך מיר אַזוי:
ווען לו אַנדריאַס־סאַלומע וואָלט ווינציקער געפרעסן די גאונים,
וואָלט נאָך אַ ליד פון צער און וויי
געשריבן ריינער מאַריע רילקע.

אין אומעטיקע טעג, אין אָסיענדיקן רעגן
קומען מיר צו חלום אַלע פּראַגעצייכנס
און די זעגן
הייבן זיך אויף וואָרצלען און אויף צווייגן.

איז לאָז מיר, גאָט, אויסבויען מיין היכל
מיט אַלע מיסטעריעזע צייכנס,
אויב אַפילו מיין אומעטיקער שכל
רופט אויף אַ דועל מיין צעטרייסלטן געפיל.

דערציילט מיר היינט אַ בבא־מעשה,
דערציילט, איך וועל אייך גלייבן,
אַז מלכים האָבן קרוינען,
צעטיילט זיי שבחים, לויבן.

דערציילט פון מלכ׳ס שטול און שליטה.
כ׳בין אַ קינד פאַרבליבן.
כ׳האָב לעגענדעס אין מיין לעבן
אַ סך שוין אויפגעקליבן.

דערציילט פון מלכ׳ס טראָן און שטחים,
דערציילט פון כישוף און פון ווונדער.
כ׳גלייב פּאָעטן, כ׳גלייב דערציילער,
כ׳גלייב יעדערן באַזונדער.

כ׳בין אַ קינד ביז היינט פאַרבליבן,
ס׳איז מיין הימל בלאָ און מונטער.
דערציילט מיר היינט אַ בבא מעשה,
וואָס כ׳פאַרגעס, איז זאָגט מיר אונטער.

דערציילט מיר היינט אַ בבא מעשה
דערציילט פון כישופדיקע רייטער.
כ׳בין אַ קינד, איך וועל אייך גלייבן
מיט לעגענדע — כ׳בין אַ באַפרייטער.

די חכמה פון דורות קלאַפּט אין מיין טיר:
לאָז מיר אַריין.
אין מיין זאַק אַזויפיל פרייד,
אין מיין טאָרבע שיין און פּיין.

געבראַכט האָב איך צו דיינע שוועלן,
די חכמות פון די מאַמעס.
שיר השירים און קהלת
דעם מוסר השכל פון די ד׳ אמות.

געבראַכט האָב איך צו דיינע טירן
הלכה און הגדה.
לעגענדעס און ניגונים
פון דער אַלטער מאָדע.

געבראַכט האָב איך צו דיינע פענצטער
חורבות און רויִנען
אויף דיין לוח כ׳האָב פאַרשריבן,
קענסט זיי לייכט געפינען.

די חכמה פון די דורות בעט זיך:
פאַרצייכענען. פאַרשרייבן.
אויף אייביק זאָלן אירע פונקען
אין דיין גלי פאַרבלייבן.

ניטאָ קיין תשובות. נאָר שאלות איבער שאלות.
פון „מסכתא נשים" גיי דערציי̇ל די סודותדיקע וועגן.
אויב אַפּילו אַלע גרויסע מייסטערס וועלן מיר באַגלייטן,
וועל איך בלייבן ווי אַ וואָלקן פאַר אַ רעגן.

„מסכתא נשים". ווער האָט ניט געבלעטערט דיינע בלעטער?
די זון און די לבנה. דער רעגן און דער ווינט.
געבליבן ביסטו אַלץ אין סודותדיקן פּרדס,
ווי אַ וואָלקן אויף די הימלען שטום און בלינד.

ביז היינט האָט קיין מייסטער ניט פאַרשטאַנען דיינע שמייכלען.
דעם חן און רייץ פון אויגן. די ניסתרדיקע ליפּן.
ביז היינט פרעגן דיכטער, קינסטלער, ראָמאַניסטן,
ווי פאַרבינדן דיינע פעדעמער, פאַרקניפּן.

„מסכתא נשים". אַ מאָל אַ רעגן־בויגן אויף די הימלען.
אַ מאָל אַ וואָלקן וועלכער גייט פאַרביי און דראָט.
אַמאָל גאָלד אויף בייטן, אַמאָל דערנערדיקע שיינקייט,
אַמאָל טייוולדיקע מעשים, אַמאָל חסד פון אַ גאָט.

„מסכתא נשים". דיינע וועגן־טומלדיקע גאַסן און ירידן.
דיינע סטעזשקעס — לייבן פאַרשלאָסענע אין שטייגן.
דיין קול — איז אָפּטמאָל מורא, ווי פאַר שטורעמס,
און אַמאָל ציטערן די וועלטן פון דיין אימה׳דיקן שווייגן.

אויפן לוח האָט קיינער ניט פאַרשריבן דעם יאָר.
דער לוח האָט זיך צעבונטעוועט קעגן דער צייט.
אַלע גלייך. קיינער ווייסט ניט ווי האַלט עס מיט די זמנים:
ניט די גבירים. ניט די אָרעמע לייט.

דער לוח איז אַ מורד, ער וויל ניט טראָגן די צייט אויף די בלעטער.
זאָלן לויפן די טעג און די שעהען איבער שוועלן און שטיבער.
אפשר אַ דאַנק דער מרידה וועט דער נצח נצחים,
איבערהיפּערן קברים און ניט אָנקומען צו צעגראָבענע גריבער.

ניט געוווּסט האָבן דיכטער, וואָס טוען די ווייזערס אויף זייגערס,
ניט געוווּסט האָט די זון און דער הימל, וואָס טוט די לבנה מיט שטערן.
די מרידה פון לוח איז אַראָפּ אין תהומות, אַרויף אויף די שפּיציקע בערג,
אַלע גלייך, — ס׳איז אַ צייט וואָס די זמנים צו קיינעם געהערן.

מ׳זאָגט אַז דאָס לעבן איז שענער און העכער און בעסער געוואָרן.
מ׳זאָגט אַז מיט גאָלד און מיט זילבער, מיט טוי און מיט רעגן זענען פרויען געוואָרן באַחנט;
מ׳זאָגט אַז מלאכים אין שקיעות פאַרנאַכטן, זיינען געקומען צום מענטשלעכן ברונעם,
און האָבן אַ דיכטער מיט כבוד פון נצח אַ ליד זיינס באַקרוינט.

נאָר אויפן הימל איז געוואָרן אַ ווילדע מהומה, אַ טומל, געשריי,
אַראָפּ איז דער שטן און האָט אויף דעם לוח אַ צייכן פאַרשריבן,
אַ צייכן פון צייט, פון רגע׳ס און שעהען, פון טעג און פון יאָרן
איז אַרויס אויף די גאַסן אַ מענטש און האָט טרויער אין קאָרבן געקליבן,

ווען איך קום צוריק פון אַ לווייה
באַפאַלט מיר אַ ווילן: ווערן אַ קאָמעדיאַנט.
אַ דריי טאָן מיט טשאַפּלינס שטעקעלע
און ווײנען לעם אַ שטילער וואַנט.

זען זיך ווי אַ מייסטער, ווי אַ מלך,
און אויפן קאָפּ באַזונטע קרוינען,
בלעטערן די בלעטער פון מיין טביה׳ן
און לעם דער שטילער וואַנט האַרציק זיך צעוויינען.

ווען איך קום צוריק פון אַ לווייה
וויל איך מיין לעבעדיקן גוף באַווייזן,
אַז אומעט, צער און טויט
זיינען פעלערן, טעותן און גרייזן.

טשאַפּלינס שטעקעלע איך נעם אין האַנט
איך וויל די פעלערן און טעותן פאַרריכטן,
איך נעם אַ פען אין האַנט דעריאָגן די מחשבות
איך שרייב אַ שורה פראָזע, איך הייב אָן גראַמען, דיכטן.

ווען איך קום צוריק פון אַ לווייה,
קלאַפּט אַ קאָמעדיע פריילעך אין די שלייפן:
הער זיך איין דו טראַגיקער, דו דיכטער, —
פון ד ע ר קאָמעדיע וועסטו קיינמאָל ניט אַנטלויפן.

וויפל חלום איז מיר נאָך פֿאַרבליבן,
וויפל חלום?
אויב דו קענסט, מיין דמיון,
מאָל אים.

נעם אַ פּענדזל טונק אים איין
אין רמז, פּשט.
בלאָ זאָל זיין דער חלום
און ניט מאַט.

נעם אַ פּענדזל טונק אים איין
אין דרש און סוד.
אויב דו קענסט, מיין דמיון,
מאָל מיט חן, גענאָד.

וויפל חלום איז מיר נאָך פֿאַרבליבן
פֿון בערג און טאָלן?
וויפל דאַרף איך, דמיון,
פֿאַרן פֿאָרטרעט באַצאָלן.

אָ, דמיון, ווי זעט אויס מיין פּנים?
ווי זעט אויס מיין בילד?
בין איך שכלדיק און לאָגיש,
אָדער ערלעך, ווי אביונים און נאַראָנים.

איך ווייס ניט עד היום, צו דער גאָט וואָס דיריגירט מיט מיר און דיר
איז אויך מיט אַ זשאָרקעלע הומאָר באַלאָדן.
אויב ניט, איז מיר אַלץ קלאָר און די אויסגעלאָשענע הימלען
וועלן ניט ברענגען אין מיין היים חסדים און גענאָדן.

איך ווייס ניט עד היום, צו וואָלקנס, ווינטן שטורעמס פאַרמאָגן
אויך כח
לאַכן. פשוט לאַכן, אַרויסשטעקן אַ צונג אין דרויסן און מיט חן
פאַרגעסן ערדישקייט, אַ שפיל טאָן זיך מיט חלום.
אויב ניט — פאַרשטיי איך קלאָר פון וואַנעט קומט מיין טונקעלער
געמיט, מיין געוויין.

ווי קען אַ וועלט לעבן אָן אַ שמייכל? ווי קען אַ וועלט לעבן נאָר
מיט וואָלקנס?
ווי קענען אפילו זאַמדן אין דעם מדבר זיין איינזאַם, אָפּגעזעגנט
פון פריידן — און לעבן נאָר מיט דער שטילקייט, פאַרטראַכט,
און ווייסן ניט אַז פרייד פון געלעכטער קען אַראָפּברענגען אויך אין
מדבר דעם רעגן.

אין די לעצטע טעג פון מיין לעבן וויל איך לייענען יענע גרויסע
מייסטער
וואָס האָבן דעם מדבר פון מיין לעבן מיט הומאָר פאַרזייט.
כל זמן איך לאַך, איז צוגעמאַכט מיין טיר פאַר טונקלקייט, פאַר וואָלקן,
פאַר יענעם היימישן פּחדימדיקן אורח מיטן נאָמען: טויט.

איך וויל וויסן צו גאָט שפּילט זיך אַמאָל מיט זיך אַליין און אַ
געלעכטער
גייט דורך אויף זיינע ליפּן, ער וויל פּראָסט און פשוט אַ מענטש ווערן.
צו פאַרבענקט זיך אים אַמאָל נאָך אַ פריילעכן געלעכטער וואָס
פליסט אַרויס
און מאַכט גרינגער דאָס לעבן, ווי גרינגער ס'מאַכן הערצער — טרערן.

צווישן מיר און דיר ליגט אַ וועג,
מיט מידע טריט.
אַ וועג ווו עס שטייט אַ שניטער
און קוקט מיט װוּנדער אויפן שניט.

מיר ביידע ווייסן: מ׳דאַרף נאָך אויסרייסן די דערנער,
מ׳דאַרף די צמחים אויף די בייטן נאָך דעריאָגן.
האָבן מיר דאָך ביידע אויף די וועגן
די קערנער אין די טאָרבעס צום פאַרזיי געטראָגן.

אויף די וועגן זונען אין די וואָלקנס,
אויף די וועגן האָבן בליקן זיך באַגעגנט.
אַמאָל האָט אַ טריקעניש באַדראָט
און אַמאָל — די בייטן גוט באַרעגנט.

צווישן מיר און דיר ליגן סטעזשקעס אויסגעטראָטענע,
צווישן מיר און דיר ליגן סנאָפּעס זאַנגען.
אַמאָל האָט אַ חסד־האַנט מיט האַרציקייט און ליבע
אויף די סטעזשקעס — שטערן אויפגעהאָנגען.

ביז היינט גלויבט מיין וואָרט, אַז צווישן מיר און דיר,
ליגט אויסגעשפּרייט אַ ברייטער שליאַך,
און מיט חן האָבן הענט
אויפגעבויט אַ הייזקע מיט אַ דאַך.

לעבן ליכט פון ניגלה בין איך געשטאַנען.
לעבן ליכט פון ניסתר, סוד — נאָך ניט.
וועל איך אָנקומען אַהין ? ווער וייס ? ווער ווייס,
צו וועלן אַהין פאַרבלאָנדזשען מיינע טריט ?

לעבן ליכט פון נעמיראָווער בין איך געשטאַנען.
לעבן אר״י און חיים וויטאַל נאָך ניט.
נעמיראָוו לייכט מיט חן און חסד אויף דער וועלט,
צפת ברענט מיט פייערדיקע קוילן. צפת גליט.

צו דעם בעל שם טוב קענסטו אָנקומען מיט אַ גוט מאָרגן.
צו צפת — ניסתרדיקע בריקן.
דער בעל שם טוב טראָגט אַנטקעגן חסדימדיקן שמייכל,
באַרג אַרויף דער וועג צו צפת, צום עולם התיקון.

דער בעל שם טוב וויל ניט קיין שבירת כלים.
אַ בשר ודם, ער וויל ניט דעם אין־סוף.
צפת איז אויגן. הערעניש. פלאַקערן און פייערן.
צפת פאַרקניפט דעם בראשית און דעם סוף.

פון דיין געפאַלנקייט ראַטעווען בעל שם טובס הענט.
פון אַלע ביטערנישן קומט ער דיר אַנטקעגן.
מיטן פנים צו די הימלען שטייט ניסתרדיק מיין צפת,
שווער אָנקומען אַהין, צו די סודותדיקע וועגן.

מײַנע ייִדישע דיכטער קאַמעראַדן זעען אויף אַלע בלויע פענצטער
האַלעוועשקעס. פאַרברענטע קוילן.
זיי זעען ייִדן לויפן איבער ברענענדיקע וועגן
מיט צעפּליקטע שיך און פייער אין די זוילן.

מײַנע ייִדישע דיכטער קאַמעראַדן מיט באָרוועסע צעריסענע נשמות
שטייען זייער נעכטן צוקאָפּן,
און טרינקען פון די קריגלעך פולע הויפנס סם,
ביזן לעצטן טראָפּן.

אַזוי איז שוין באַשערט. אַזוי וועט שוין פאַרבלייבן.
ייִדיש איז פאַרבליבן דער נסיון
צו פאַרשרייבן מיט וואָלקנס מיליאָנען בלעטער
פון יענעם בלוטיקן חזיון.

מײַנע ייִדישע דיכטער קאַמעראַדן װעלן שוין קיינמאָל ניט דערזען
עגנונען און אפילו ניט דעם דיכטער עמיחי,
פאַרוואָס די סתירה אין געזאַנגען:
„זאָג ניט קיינמאָל אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג" און
„עם ישראל חי".

צוויי ברידער אויף די וועגן און דאָך אַזוי פאַרפרעמדט.
אַנדערע די ציגל. אַנדערש קנעט מען ליים. אַן אַנדערער דער דאַך.
ביז היינט פאַרשטיי איך ניט די לאָגיק און די ליריק
פון סתירות וועלכע ליגן אין אַ בשותפותדיקער שפּראַך.

פון מדבר מאַכן אַ ישוב
האָט דער בראַצלאַווער געוואָלט.
פאַר זיין מי
האָט ער מיט מעשיות געצאָלט.

געצאָלט. קיינמאָל נישט מיד געוואָרן
בויען דעם בנין מיט לידערישע ציגל.
אין יידישן וואָרט
פאָכען בראַצלאַווערס פליגל.

פון מדבר מאַכן אַ ישוב,
באַזעצן דאָרט חסידישע ברידער.
אַ היכל האָט ר׳ נחמן געבויט
פון מעשיות און לידער.

ביז היינט שימערירן די פראַכטן
ביז היינט שפילט נאָך זיין פייפל.
אַ דאַנק ר׳ נחמנען
האָט ניט קיין שליטה דער טייוול.

אַ פאָר צענדליק יאָר שוין אַריבער,
מיט ר׳ נחמנען וווין איך אין איינעם.
געבויט כ׳האָב מיין וואָרט לעם זיין היכל
פאַרבליבן גאָר נאָענטע שכנים.

איבערשרייבן אַלע לידער,
איבערשרייבן.
אפשר וועט איין ליד
אין סידורל פֿאַרבלייבן.

און דער טויטער טאַטע
פֿון אַלע טייטן — מיד
וועט אָנקומען מיט טלית, תפֿילין
צו מיין ליד.

איבערשרייבן אַלע לידער.
אויסקריצן תיקונים.
אפשר וועט אַ וואַסער־טרעגער
מיין ליד געפֿינען אין אַ ברונעם.

אָ, וואַסער־טרעגער, למד־וווניק.
וואַסער־טרעגער פֿון מיין חלום.
נעם מיין ליד אַריין אין עמער
און דערטראָג עס צו היכלים.

אַהין, ווו דער טלית פֿון מיין טאַטן
אויף אַן אָפּגעהאַקטן קאָפּ,
דאַוונט אויס פֿון די תיקונים
יעדן דגש. יעדן טראָפּ.

הײַנט װיל איך זינגען אַ ליד פֿון פֿרייד,
אויפֿגעשטאַנען פֿרי, מיטן שחר מיט די טויען,
געקומען צו אַ סאַזשעלקע אַליין,
געזען אַ דנאָ, אַ לויטערן, אַ בלויען.

געשפּיגלט אויך מײַן פּנים אין די װאַסערן,
געזען אויגן, װי ליכטער אויף די שויבן.
אין האַרץ געזונגען האָט אַ פֿויגל,
אַ ליד פֿון האָפֿענונג, פֿון חלום און פֿון גלויבן.

הײַנט װיל איך זינגען אַ ליד פֿון פֿרייד,
פֿון װאָרצלען, צװײַגן, פֿון אַ בוים,
װאָס פֿאַרקוקט מיט קרוינען אין די הויכן,
און גלויבט אין פֿרוי, אין קינד, אין היים.

שוין לאַנג ניט געקומען אַזאַ פֿרייד
צו מײַן טיש מיט אַזויפֿיל חלום און מיט לשון.
כ'האָב דערזען, אַז אויך דער ספֿק אין מײַן לעבן
האָט אמונה און מײַן ליד ניט אויסגעלאָשן.

זינג איך הײַנט אַ ליד פֿון פֿולער שמחה,
ס'װעט מײַן טראָט אין בלויקײטן נאָר שפּאַנען,
דאָרט װו ס'ברענען נאָך די פֿונקען פֿון דעם פֿײַער,
זענען פֿלאַכטעס פֿײַער אין גלויבן נאָך פֿאַראַנען.

עפּעס וויל איך איבערלאָזן פאַר יענער וועלט.
מיטנעמען מיט זיך אַלע פעלקער. נאָר דערנעבן,
זאָל ליגן איינגעפּאַקט אין וואָרט:
מיין לעבן.

כ׳וועל קומען און זאָגן דעם בורא עולם:
בורא עולם, דו און דיינע מלאכים — נישט צום לאַכן,
כ׳וויל אויסרעכענען אויף אויסנווייניק
אַלע מיינע פאַכן.

אויף יענער וועלט בין איך געווען אַ שלאָסער:
געבויט אַ שלאָס אויף האַרץ און מויל, אויף טיר און טויער.
געווען בין איך אויף יענער וועלט ווי אַלע יידן:
אַ גייער.

אויף יענער וועלט בין איך געווען אַ בויער,
אין מיין שטעטל געדעקט האָב איך די דעכער.
נאָר מיין האַרץ קיינמאָל ניט געקענט פאַרריכטן:
געבליבן זיינען לעכער.

אַ מאָלער און אַ קינסטלער, אַ שניידער און אַ שוסטער,
אַפילו אויך געווען אַ טעפּער
נאָר פאַרבליבן בין איך, גאָט, אין מיינע ווערטער:
ניט קיין שוסטער, ניט קיין שניידער נאָר אַ שטעפּער.

מ׳זאָגט: ס׳איז דאָ אַ ברונעם, און די וואַסערן זיינע
קלאָרע, און אַ האַרץ פאַרמאָגט דער ברונעם אין פיבער און
אין צאַפּל.

גרויסע דיִכטער, טעג און נעכט היטן אָפּ דעם ברונעם,
אַ סברה; האָמער אַליין מיט בלינדע אויגן איז זיך מיט אים מטפל,

מ׳זאָגט: נאָר אַ דיכטער וואָס די אויגן זיינע זענען בלינד,
קען זיין אַ שומר פון אַ ברונעם, וואָס זיינע וואַסערן פליסן
פון די טיפסטע טיפן, פון נצחדיקע, שלומערדיקע קוואַלן.
אַן אבל ווען ער קומט צום ברונעם, ווערט זיין בגד גאַנץ, אָן ריסן.

מ׳זאָגט, האָמער אַליין בויט לעם ברונעם זיינע לידער.
ער בויט זיי ווי אַ בנין אַ פאַרפאַנצערטן מיט שטאָל אוודאי.
זעט אויס: אַ שליחות האָט געגומען דער בלינדער מייסטער:
לעם אַ לעגענדאַרן ברונעם אָנשרייבן אַ צווייטן טייל פון דער
איליאַדע.

מ׳זאָגט: גרויסע דיכטער שיקן אים פּערלדיקע גראַמען.
געטע האָט אים צוגעשיקט די יסורים פון דעם יונגן ווערטער.
שעלי, בייראָן און מיצקיעוויטש, דער פּאָליאַק ציפּריאָן נאָרוויד
אויפן אַדרעס פון דעם ברונעם געשיקט האָמערן עכטע, לעבעדיקע
ווערטער.

מ׳זאָגט: די לעגענדע פון דעם ברונעם איז אייביק ווי דאָס לעבן.
אַלע וואַרטן אויפן מוסטער פון אַ ליד וואָס האָמער האָט געבויט.
ביז היינט איז נאָך אַ סוד דער תוכן פון צווייטן טייל איליאַדע
צו זינגט ער וועגן לעבן, צו זינגט ער וועגן טויט.

די שיך זיינען געווען אָפּן. אַן עני ואביון איז ער געשטאַנען,
ער, דער הייליקער בעל שם טוב. געווען איז עס אין טלוסט.
מיט אַ מנין יידן האָט ער געזאָגט קאַפּיטלעך תהילים.
און ער דער גרויסער גאָט האָבן די כוונה פון די קאַפּיטלעך תהילים
געוווסט.

געבעטן האָט דער בעל שם טוב אויף רעגן. די גויים פון דאָרף
האָבן אַרויסגעטראָגן אין דאָרף זייערע געטער.
ס׳האָט ניט געהאָלפן. נאָר ער, דער הייליקער בעל שם טוב
האָט געהאָט בכח מיט די קאַפּיטלעך תהילים ענדערן דעם וועטער.

די גלחים האָבן געבעטן אויף רעגן און עס גייט ניט קיין רעגן.
ניט געפּועלט האָבן די גלחים ביי זייער קרייץ. ניט געפּועלט.
„גיי צום ערל, אַרענדאַר, און זאָג אים, אַז היינט וועט בוודאי גיין
רעגן״,
אַזוי האָט אַ חסיד דעם צווייטן אויף אַ חסידישער פּור דערציילט.

גיי צום ערל — אַזוי האָט דער הייליקער בעל שם טוב געזאָגט צום
אַרענדאַר.
אַזוי גלייבן די חסידים, אַז גאָט ברוך הוא האָט דעם בעל שם טוב׳ס
קול געהערט.
אַז געקומען איז אַ מלאך און דערציילט דעם כסא הכבוד, אַז דער
בעל שם טוב איז מתפלל אויף רעגן
האָט גאָט ברוך הוא געזאָגט: מיין בעל שם טוב איז דעם חסד ווערט.

האָבן זיך וואָלקנס איבערן הימל פאַרצויגן און אַ רעגן האָט זיך
צעגאָסן
אויף אַלע שליאַכן, אויף אַלע וועגן,אין דער לענג און אין דער ברייט.
זענען ערלים געשטאַנען אין דאָרף מיטן קרייץ, מיט נאַקעטע געטער
און האָבן באַוואונדערט געשעפּטשעט: דער הייליקער ייד האָט די
פעלדער מיט רעגן פאַרזייט.

ווען גאָט וואָלט געקנאָטן דער וועלט אַן אַכטן טאָג,
וואָלט ער באַשאַפן צוויי מענטשן: איינעם — בצלם אלוהים,
איינעם בצלם אדם.
נאָר אויפן זיבעטן טאָג האָט זיך דערהערט אַ שטים:

געגוג. די וועלט איז געענדיקט. איין מענטש: בצלם אלוהים,
אַמאָל קנא־ונוקמדיק, אַמאָל מילד, אַמאָל אין חטא, אַמאָל הייליק
דער אַכטער טאָג פעלט,
עס פעלט דער עיקר, די קאָנקורענץ פון צווייטן חלק.

ווען גאָט וואָלט געקנאָטן דער וועלט אין אַכטן טאָג,
וואָלט ער אויסגעקנאָטן אַ דיכטער, ווו מענטש און ליד גייען צוזאַמען.
דער אַכטער טאָג פעלט,
דערפאַר: דער מענטש באַזונדער, און באַזונדער די חכמה און די גראַמען.

ווען גאָט וואָלט געקנאָטן דער וועלט אַן אַכטן טאָג,
וואָלט ער דעם חלום און דערווירקלעכקייט געגעבן איין לשון.
איז אַ שטורעם געוואָרן,
די יצירה האָט די טיר פאַרמאַכט און דעם פלאַם צווישן ביידע פאַרלאָשן.

עס פעלט מיר דער אַכטער טאָג אין דער בריאה. דער אַכטער טאָג.
אפשר וואָלט גאָט אויסגעקנאָטן אַ פרוי מיט חן און מיט ליבע.
האָט דער מייסטער געטראַכט: קאָנקורענץ?
דעם חשבון געמאַכט און פאַרענדיקט. אפשר דאָס איז די סיבה.

דיכטונג איז שיכרות.
ווער עס גייט אַריין אין דעם פּרדס ווערט קיינמאָל ניט ניכטער,
דיכטונג איז דין און חשבון.
אַ זוכער אין אַ פינצטערן טונעל. אַ צינדער פון ליכטער.

דיכטונג איז אַ פייער,
ס׳ברענט ווי אַ פלאַם אין אַ טרוקענעם וואַלד און עס קרעכצן די ביימער.
דיכטונג איז אחריות.
סוד און ניגלה. וואָס גרעסער דער ניגלה, אַלץ טיפער דער סוד און געהיימער.

דיכטונג איז שגעון.
אַמאָל קומט אָן אַזאַ קלאָרקייט, אַמאָל, ווען ניט ווען,
דערפילט דער טיפער אומעט,
אין די טיפסטע טיפענישן קנוילט זיך אַ טשאַד. אַ נעפּל. אַ ברען.

דיכטונג איז אַ שטייג
מיט פאַרלוירענע נשמות. מיט צער. מיט אומגליק, פרייד און וויי.
דיכטונג איז אַ זאַוויערוכע.
אַ באָרוועסער נע־ונדניק אין נעפּלען, אין רעגן, אין געדריי.

דיכטונג איז באַצירט
מיט פאַרהיקעוועטע ווערטער. מיט פעדעמער. געוועבן. געראַנגל און רעיון.
דוכטן דוכט זיך מיר:
אַ גוטער סאָנעט. אַ ליד מיט טאַקט. מיט ריטעם. קען אונדזער לעבן באַנייען.

ווער וועט ראַטעווען די וועלט פון דער פינצטערניש —
משה לייב, דאַרפסט הערן, וויסן —
פון דער פינצטערניש וועט ראַטעווען די וועלט:
געוויסן.

צום געוויסן וועט נאָך קומען אַ שמייכל פון אַ קינד,
און אַ פרוי מיט שיינע לאָקן.
און זיי וועט באַגלייטן מיט אָפענע אויגן
אַ קלוגער זקן.

און צו קינד, צו פרוי, צום קלוגן זקן,
וועט קומען אַ דיכטער מיט זיין וואָרט,
און אין האַנט אַ ליד, אַ כוס מיט וויין
פון בעסטן סאָרט.

דערצו אַ מענטש פריי פון בייז,
מיט אַ געלעכטער אויף די ליפּן:
דעם געוויסן, קינד און פרוי, קלוגן זקן און אַ דיכטער
אין איין קנופּ ער וועט פאַרקניפּן.

ווער וועט ראַטעווען די וועלט פון דער פינצטערניש?
הער, דו גרויסער משה לייב.
פאַרשרייב אויף טאָוולען מיין רעצעפּט
און גלייב.

אפשר דערציילן היינט הימלען דעם אמת,
אַז שטערן האָבן נעכטן געשריבן פּאָעמעס,
פאַרגעסן צו לויבן זיין הייליקן נאָמען,
פאַרגעסן צו זינגען: „הללויה" און „אמן".

אפשר דערציילן אַז די לבנה אַליין
האָט געשריבן אַ ליד פון פרייד און געוויין;
אַז מטטרון דער מלאך געוואָרן איז ניכטער
און געגראַמט אין זיין פּינקס ווי אַ ליריקער־דיכטער.

אפשר דערציילן אַז שוין לאַנג, שוין לאַנג
שרייבן די שטערן אַן אייגן געזאַנג
און גלייבט מיר, דערווייל האָט נאָך קיינער
געשריבן אַ ליד וואָס איז שענער און ריינער.

אפשר דערציילן אַז דאָרט גייט מען קריק,
פון הימלען צו ערדן מ׳בויט שוין) אַ בריק,
און מ׳זעט שוין אויך דאָרט די אַלע סימנים,
אַז גאָט האָט געקריגן אַ מענטשלעכן פּנים.

אפשר דערציילן אַז אויך דאָרטן אַ שטייגער,
האָט אַ מייסטער דערפונדן אַ מענטשלעכן זייגער,
און אויך דאָרט איז דער נצח פאַרגאַנגען, פאַרשוווּנדן,
אויך דאָרט ליגט אַ היינט מיט ווייטיק און וווּנדן.

נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל: געלויבט זײַ, משה נאַדיר,
פאַר זינגעוודיקן ייִדיש, פאַר רעגן און פאַר טוי,
פאַר עשירות און פאַר שיינקייט, פאַר יום טוב און פאַר וואָך,
פאַר אַלץ וואָס כ׳קען ניט זאָגן פינקטלעך און גענוי.

דײַן טײַך איז פול מיט גאָלד, דורכגעווייקט מיט זונבלעטער,
דײַן טײַך איז פול מיט חכמה מיט שמעקעדיקן צוויט.
געזען האָב איך אַמאָל צווישן דײַנע שורות:
אַ שטערן אין די הימלען געפלאַמט האָט און געגליט.

דײַן ניט דערזאָגטע שורה צינדט בענקשאַפטן אין מיר,
ווי דו, דײַן קליין מירטעלע, איך האָב דיר ליב.
אויב אַ מאָל אין פאַרדראָס האָט מײַן וואָרט דיר באַליידיקט,
בעט איך מחילה, פאַרגיב און פאַרגיב.

אויך דער צער פון מײַן ייִדיש איז אַ זײַדענער האָרב,
פאַרשפּיל איך דעם צער אויף מײַן פידל, קלאַוויר.
קום איך צו נאַדירגאַנג, קום איך צום קוואַל,
צו פּראָזע, עסיי, טעאַטער און שיר.

פאַרבליבן דײַן וואָרט, ווי אַ וואָרט פון אַ מאַמע,
ווי אַ גרוס פון אַ גוטער און האַרציקער שוועסטער.
אָפּן דײַן ספר און ליב מיר דײַן ייִדיש,
אויך ווען דו בענטשסט, אויך ווען דו לעסטערסט.

אויב דאַוועגען — איז אָן אַ סידור,
צעטאַכליעווע ניט דיין שיינע תפילה.
האַלטן האַלטסטו נאָך ביים שחרית,
וואָסזשע טראַכסטו שוין פון נעילה.

אויב אַ לייטער — ביז צו הימלען,
אַ הימל דאַרף ניט צייט און אָרט,
דיין לעבן ווייס נאָר פון איין לייטער,
רופן רופט מען אים: דאָס וואָרט.

אויב אַ קרוין — איז מיט בריליאַנטן
אויב אַ קייט — מיט זילבער־רינגען,
אַ טבע האָט דיין גאָלדן קרוין:
זינגען. זינגען. זינגען.

אויב קאָוואַדלע — זוך דעם האַמער,
וועלכער האָט אַ שטאָלן קלאַנג.
אויב אַ זריעה אויף די פעלדער,
זאָל דאָס זיין פון בעסטן זאַנג.

אויב אַ פרייד — מיט פויק, טראָמפייטן,
שיכור זיין זאָל יעדער פרט,
אויב דאָס לעבן איז דיר טייער,
נאָר מיט חלום ווערסטו זאַט.

זוך דיין פֿאַרלאָרענער צייט, זוך.
אפשר וועסטו טרעפֿן דזאָיס'ן, אפשר וואַרט אויף דיר פּרוסט.
אַ פֿריינד האָט מיר דערציילט אַז אויף דערנערדיקע וועגן,
קען מען געפֿינען דער פֿאַרלאָרענער צייט. זוך. דו מוזט.

נעם מיט דעם משל. נעם מיט אַלע סימבאָלן.
זיי וועלן דיר העלפֿן אין גאַנג, דו קענסט זיי געטרויען.
אויב דו וועסט ניט געפֿינען אין זומער, זוך אין דעם ווינטער,
די פֿאַרלאָרענע צייט האָט ליב דעם פּרוּוו און נסיון.

דער העלד פֿון דער פֿאַרלאָרענער צייט דרייט זיך רעכטס,
דרייט זיך לינקס און קען ניט די אויגן פֿאַרמאַכן.
ער זעט נאָר אַ טאָג גייט אַרויס פֿון די וואָלקנס
פֿון מזרח און מעריב, פֿון צפֿון און דרום קוקן אויף אים בגדים
און זאַכן.

דו ביסט דער העלד פֿון דער פֿאַרלאָרענער צייט,
האַרבסטיקע טעג קוקן אויף דיר אַסטמאַטיש און קאַלט.
פּרוסט קומט דיר אַנטקעגן מיט זיין יידישער מאַמע
און טרעפֿט דיר לעם ביימער פֿון אַ האַרבסטיקן וואַלד.

זוך דיין פֿאַרלאָרענער צייט, זוך.
דיינע טריט דערנענטערן זיך צו וויסטע תהומען.
אפשר דאָרט אויף די דערנערדיקע סטעזשקעס און וועגן,
אין דער פֿאַרלאָרענער צייט ליגט ערגעץ פֿאַרשריבן דיין נאָמען.

קיינער ברענגט מיר ניט אַזויפיל צער,
ווי אַן אָפּגעריסן בלעטל פון מיין קאַלענדאַר.
גיי דערציייל מיין פּען, גיי דערצייל דעם טיש
אַז אַן אָפּגעריסן בלעטל איז אַ געמיש

פון סודות וואָס דו ווילסט קיינעם ניט דערציילן,
פון דעם פּחד פאַר דיינע האַלעוועשקעס און אויסגעברענטע קוילן,
פון אַלץ וואָס וויינט אין דיר און שרייט,
פון אַלץ וואָס שאַפט דעם ספר פון דיין צייט.

עס העלפט ניט צו דו ביסט אַ חכם, צו אַ נאַר,
עס ליגן פאַר דיר בלעטלעך פון אַ קאַלענדאַר,
און אין אַלע בלעטלעך ליגט אָפּן דאָרט אַ סימן,
אַז ניט געשליפן האָט דער טאָג דיין רויען דימענט.

וואָס דערציילן די אָפּגעריסענע בלעטלעך פון דעם קאַלענדאַר,
אַז ביסט דורכגעגאַנגען טיפע היילן פון געפאַר,
און אָנגעקומען זענען טעג און יאָרן
צו דעם כתב־יד פון שווייגן און זכרון.

די אָפּגעריסענע בלעטלעך פון דיין קאַלענדאַר קענסטו ניט
דערקענען,
דוכט זיך אויסגעלאָשן — דאָך: זיי ברענען און זיי ברענען
און ברענגען צו דיין שוועל די שטילקייטן און שטורעמס,
פון דיינע ספקות, ווי איובס שאלות אין טעג פון די יסורים.

אַ דיכטער דאַרף זיין ווי באַשעוויסעס טויטער קלעזמער:
ער דאַרף שפּילן אין דער קאַלטער שול, אין הקדש, אין באָד,
אויפֿן בית עולם און אויף אַלע אומעטיקע און פֿריילעכע חתונות.
ער דאַרף שפּילן מיט זיין ניגלה־פידל, מיט זיין ניסתר־צימבל און
זיין סוד.

דער דיכטער דאַרף ניט קיין קאַפּעליע, ער אַליין איז די קאַפּעליע,
אין זיינע טיפֿן רוישן אַלע שטילקייטן און שטורעמס, אַלע טענער.
ווערט דער בויגן פֿון זיין פֿידל שטומפּיק, ציט ער אָן אַ נייע סטרונע,
און צוריק: „גוט מאָרגן" קרייעט ער אויס, ווי עס קרייען אין
פֿרימאָרגן אַלע הענער.

אין זומער ווען די זונען פֿאַרכלינייען זיך מיט חוצפּהדיקע שטראַלן,
שטייט דער דיכטער אָן אָנגעצויגענער מיט אַלע לעבעדיקע חושים.
איבער אַלע וועלטן — זומערדיקע טענער טאַנצן אַ קאַדריל,
און ער דער פֿידלער מיט יומטובדיקן שמייכל, מיט אויסגעפּרעסטע
יומטובדיקע מלבושים.

אין האַרבסט, ווען די בלעטער פֿאַלן און ווינטן בלאָזן אָן פֿון בערג,
שטייט דער קלעזמער מיט זיין פֿידל, ווי דער דיכטער אויף אַ
האַרבסטיקן יריד.
אַזאַ שפּילעניש הערן נאָר די שדים אין די לעכער און די לצים אויף
די ביידעמס,
ערגעץ־ווו ווערט פֿאַרשריבן אַ סומנער ניגון און אומעטיקע שורות
קלייבן זיך אין ליד.

אַ דיכטער דאַרף זיין ווי באַשעוויסעס טויטער קלעזמער:
אויך אין טהרה־שטיבל, מיט חברה קדישא, לעם דעם פֿרישן
טויטן מת,
דאַרף ער אָנציען זיין פֿידל, גרייטן דעם טראָמפּייט, אַוועקשטעלן
זיין פּויק,
און אויפֿשרייבן אַ ליד, ווייל דאָס איז זיין מצבה פֿון זיין לעבן, דער
מופֿת און דער נס.

אַ שאָד. פאַרמאַכסט די אויגן. לײדיק די בינע.
געננוג.
הבל הבלים — זאָגט קהלת,
קהלת איז רייך געווען. נאָר ניט קלוג.

לא הכל הבלים, בתי, לא הכל הבלים והבל,
אַזוי
האָט געזונגען אַ קלוגער העברייאישער דיכטער.
נעמסט מיט מיט דיר, דיין פרייד און דיין וויי.

לא הכל הבלים. נעמסט מיט אַ פאַרמעג
נישט צום גלייבן,
רייך דיין לעבן איז געווען און יעדער טאָג
צו הימלען דיר דערהייבן.

לא הכל חבלים והבל, אַלטער נאַר, קהלת.
האָסט געשונדן
פון טאָג הנאה נאָך הנאה, מיט כּמאַרע און מיט זון,
און יידישע אותיות האָבן דיין לעבן געצונדן.

לא הכל הבלים והבל, אַלטער נאַר, קהלת.
אַ זקן אָן פליגל.
זע, ווי רייך איז געווען דיין ניגון
פון בראשית. פון דיין וויגל.

ניט נעלם

איז געוואָרן פאַר מיר, אַז ביז היינט
איז די חכמה פון כעלם
שטאַרקער ווי די חכמה פון שלמה המלך.

אויב די לבנה האָט זיך אין וואַסער־פאַס פאַרקליבן,
איז זי גערעכט געווען,
ווייל אַזוי איז אין כעלעמער פנקס פאַרשריבן:
די לבנה האָט איר תמימות געראַטעוועט.

די לבנה אויפן הימל פאַרפראָרן,
קיינער דאַרף איר ניט,
ליגט זי דאָרט פאַרגוואַלדיקט אין אַן ארון
און בענקט נאָך איר שוועסטער אין וואַסער־פאַס.

די לבנה האָט געראַטעוועט איר נשמה און איר לייב,
גוט איז איר אין וואַסער־פאַס
יאָסל לאָקש רוימט איר איין אַ סוד: פאַרבלייב,
ווייל אין וואַסער־פאַס, דיין לעבן איז זיכערער ווי אין הימלען.

איז פאַרבליבן די לבנה מיט טויזנטער געזאַנגען
צווישן פערלדיקע טראָפּן אין דער פאַס.
זינגט זי דאָרט, ווי אויף פעלדער פרישע זאַנגען,
וועלכע דאַווענען אַ תפילה קעגן ווינט.

אויף דריי פּלעצער איז דער שטן מקטרג:
ווער עס ווײנט אין אַ חורבה הויז, ווער עס לאָזט זיך מיט אַ שיפל אויפן ים,
ווער עס גייט אַליין אין וועג,
ס'איז דאָ אַ פערטער פּלאַץ — ביים דיכטער — ווען ער בויט אין ליד אַ גראַם.

יע, איך קען אַזעלכע דיכטער, לעם זיי דער שטן איז מקטרג,
ווען זיי שרייבן קורצע לידער, צו פּאָעמעס אָדער סתם אַ ניגון.
קומען ווערטער אָן פון צפון, פון מזרח און פון מעריב,
און פּלוצלינג: אַנטלויפט דער אמת פון די ווערטער און גראַמען הייבן אָן זיך קליגן.

חכמנה'ן זיך גראַמען — און אין אַ זייט דער שטן שטייט און לאַכט,
דעם מקטרג איז די מלאכה גאָר געראָטן.
דער דיכטער ווייס אַלע חוקים ומשפטים פון פּאָעמע און פון ליד,
און פאַרגעסן, אַז קליגן זיך אין ליד איז ניט צווישן די געבאָטן.

די „חכמה" לויפט אַרום מיט נחת, צעיאָכמערט ווי אַלץ אויף אַ יריד,
דער שטן המקטרג אונטער די ווערטער ליגט פּאַרטייעט.
נאָר ער פאַרגעסן אַלע כללים, מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן,
צענחתט פון די חכמות, פאַרהאָוועט און פאַרשמייעט.

אין שטילקייטן ווילן ווערטער שטיל און רויִק זיין,
אויך אין רעש ווילן ווערטער זיך מיט שטילקייטן באַווייזן,
לצים, דיכטער פילאָזאָפן — לאָזט איבער אַלע „חכמות",
ביים שטן המקטרג נעמט צו די בעסטע פּרייזן.

היט דיין טראָט. זיי ניט קיין נאָכמאַכער פון גרויסע דיכטער.
דו פאַרמאָגסט אַן אייגן פּנים.
לאָז אָפּ די גרויסע דיכטער מיט די פליגל.
דו זאָגסט שעקספּיר? גלייב מיר, דיין ליד קען אָן אים, —

דיין ליד האָט אַ וועג פון ד י י ן מח, פון ד י י ן האַרץ,
פון אַלע ווייטענישן, פון אַלע דאָרטנס, פון אַלע דאָען.
דיין וואָרט האָט די קלאָרקייט פון די אויגן דיינע
און דעם ווירבל און דעם שטורעם פון שגעון.

נאָר ד י י נ ע זענען זיי, ד י י נ ע, ניט קיין פרעמדע.
זיי וואַקסן אויף דיין חצר, זיי שפּראָצן אויף דיין הויף,
זיי וואַקסן אין די בלומען דיינע, זיי שטעכן אויף די דערנער,
נעם די בליִונג און דעם שטאָך אין דיין ליד צענויף.

איך קען אַ יונגערמאַן אין באַשעוויסעס דערציילונג
וואָס האָט אין פאַרנאַכטן געשפּילט זיך מיטן שאָטן,
ער׳ט צונויפגעלייגט מיט די הענט אַן אָפּבילד פון אַ באָק מיט הערנער
און דער באָק האָט מיקלאָמפּערשט געשטויסן און געגעסן היי, וואָס ער האָט צעשאָטן.

אין איינער אַ נאַכט איז דער שאָטן אַראָפּ פון דער וואַנט
און אים געטאָן אַ שטויס מיט אַ פּאָר אמתע הערנער.
ר׳האָט אים געמאַכט צוויי לעכער אין שטערן, — האָט דער יונגערמאַן פאַרשטאַנען:
שפּיל זיך ניט מיט שאָטנס, נעם אַריין אין ליד: ד י י נ ע בלומען,
ד י י נ ע דערנער.

אויב ו ו י ד ו י , — זאָל ער זיין מיט מיר, מיט ליצנות
און מיט ערנסט, מיט שמייכל און מיט צער,
און אויסהיטן די לעצטע שעהען
פון געפאַר.

דער געפאַר פון זיין אַליין, אָן ווידוי,
דער געפאַר, ווען דו ווייסט ניט ווער דו ביסט :
זאַמד צו ערד, פרוכט אויף בוים, אָדער אפשר :
מיסט.

אויב ווידוי — זאָל זיין מיט קלאָרע ווערטער,
זאָלן ווערטער וויסן זייער וועג וווהין צו גיין.
זאָל דאָס ליד ניט זיין פאַרנעפּלט, עלנט.
מיין ווידוי כ׳וויל פאַרשטיין.

אויב ווידוי — זאָלן לעצטע ווערטער געבענטשט זיין
ווען זיי קומען אָן פון אַלע ווינקלען שטיל.
און שלום מאַכן זאָלן מיינע וועלטן
צווישן שכל און געפיל.

אויב ווידוי — זאָלן אַלע שיכור זיין
פון פרייד, און די פעק חלומות זאָלן זאָגן : אַ גוטע נאַכט
רויק, ווי רויק ס׳טראָגט אַ ברונעם זיינע סודות,
ווי דער חלום ליגט אין שווייגן, אומעטיק, פאַרטראַכט.

די צווײ הענט פֿון ראָדען,
איך האָב זײ אין חלום געזען.
איך קען שווערן:
זײ לויכטן ווי צווײ זילבערנע טרערן.

איך האָב זײ געזען ווי צווײַגן
אויף אַ בוים געבויגן אין שווײַגן,
און פֿרוכטן אויף זײ
וואַרטן אויף שמחה און ווײ.

צווײ הענט, ווי רוחות, ווי גײַסטער,
צווײ הענט, ווי ריחות רײדן צום סקולפּטאָר, דעם מײַסטער,
לאמור, אַזוי צו זאָגן:
אונדזערע הענט איז צו פֿרײדן, צו קלאָגן.

ניט געהאַקט מיט אַ דלאָט
האָט אַ מענטש, נאָר אַ גאָט,
ווען געווען איז ער שטאַרק בגילופֿין,
האָט ער צו זײַן אײגענער גרויסקײט געבעטן, גערופֿן:

צווײ הענט, ווי פֿלאַמען אויף טורעמס,
ווי שנײען געיאָגטע פֿון שטורעמס,
ווי צווײ געצונדענע פֿליגל,
זאָלן לויכטן פֿאַר דיר, ווי אַ שפּיגל.

געלייענט אין אַן אַלטן ספר: אין סענעקאַס צימער
געווען ניט מער ווי אַ פּשוטער טיש און אַ מאַרמאָרנע שטול.
נאָר די פּעדעם פון זיין מחשבה האָבן זיך געוועבט דין
אויף זיין שכל־נול.

געלייענט אין אַן אַלטן ספר: אויף סענעקאַס טיש
צווישן פּאַרמעטן, מגילות אַ לוקסוס־שטיק —
אַן אייל־לאָמפּ און דריי נאַקעטע נימפעס האָבן געשפּילט אַ ליבע שפּיל:
אפשר — צווישן דאָ און דאָרט דער איינציקער בריק.

דער פאַרהאַנג פון צימער צוזאַמענגערוקט, שאַ, שטיל.
ציטאַטן האָט געמישט אין מח דער ליכטיקער זכרון,
אַן אָפּענער טינטער האָט געוווּנקען צו סענעקאַן:
נו, שרייב שוין אַן די ווערטער קעגן כעס און צאָרן.

דאָס בלאַסלעך אַסקעטישע פּנים האָט געלויכטן:
בלעטלעך פון פריינדשאַפט צווישן מענטש און מענטש, צווישן מענטש און גאָט.
אין צימער שאַ. קיין געשאָרך. שטיל איז אויך דער אייל־לאָמפּ.
שטיל איז אויך אין צימער דער גייסט פון ביכער און זיין טראָט.

נאָר די דריי נאַקעטע נימפעס אויפן טיש לאָזן ניט צורו.
אויך דער פילאָסאָף סענעקאַ לעבט לויט מידות, ווי עס וואַקסן אין די גערטנער גראָזן.
די נימפעס אויפן טיש שטערן זיין געדאַנק.
ס׳בענקען — בייגעלעך פּאַפּיר נאָך אותיות, נאָר דער פילאָסאָף האָט דעם צימער גלייך פאַרלאָזן.

ניט אַלע וועלטן האָבן די זעלבע מאָסן.
די וועלט פון אומעט איז טיפער. תהומען.
די וועלט פון די פאַרדראָסן
פאַרמאָגט אימפעטיקע שטראָמען.

די וועלט פון אומעט איז וווּנדן,
זי שטייט פאַרטראַכט און טיפע אירע היילן.
ניט געזען האָב איך אַז אַ שאָטן גייט פאַרשווונדן,
ניטאָ קיין דאָקטאָר וואָס קען דעם אומעט היילן.

ניט אַלע וועלטן וואַרעמען זיך ביים זעלבן פייער.
ניט אַלע וועלטן פאַרמאָגן די זעלבע ד׳ אמות.
די העכסטע פרייזן צאָלט דער אומעט, ווייל טייער איז אים טייער
אַלע טרערן פון פאַרוויינטע מאַמעס.

ניט אַלע וועלטן שרייבן דעם זעלבן טעקסט,
דער אומעט האַלט זיך ביי דעם אַלטן,
נאָר אַמאָל דערציילט דער אומעט: דו מעגסט
אין זיינע פאַלעס אויך אַ שטיקל פרייד באַהאַלטן.

די וועלט פון אומעט לעבט קיינמאָל ניט אין דלות.
אין ניסתר לעבט דער צער און ניסתרדיק די שיטה.
אַמאָל קומט אָן די גרויסע שעה פון התגלות,
אַ שעה וואָס דו האָסט אויף איר קיין שליטה.

אפשר, אפשר אָפּווישן די פּען,
און זאָגן צו מיין וואָרט: גענוג.
און בלייבן אין זכרון פון דער פרוי
שיין און חנעוודיק און קלוג.

אפשר, אפשר אויפקלייבן די ברעקלעך,
און ריין מאַכן די טישטעכער אויף טישן
און אויפהערן מיט חכמה'דיקע גראַמען
ווערטער אין די שטורעמס מישן.

אפשר, אפשר, אָנהייבן שטאַמלען ווי אַ קינד,
אַ קינד וואָס קען ניט שרייבן
און אויפזאַמלען די געפילן אין די טיפן
און מיט זיי אין שטומעניש פאַרבלייבן.

אפשר, אפשר אָנשרייבן דאָס לעצט ליד
און אַלע ווערטער — אויף אַ זיגל.
אַ ברכה מאַכן אויפן שאַרפן חלף
און אָפּשניידן די אויגן און די פליגל.

אפשר, אפשר אין אַ שוואַכער שעה
וועל איך זאָגן יאָ צום אפשר און אַ סוף,
און זאָלן אַלע ווערטער קומען מיר באַזוכן
און וואָרקען ווי די טויבן אין מיין שלאָף.

כ׳בין פאַרנומען מיט גאָט און מיט מענטש, מיט זיך
און אַמאָל מיט שיקזאַל.
כ׳בין פאַרנומען מיט טייך און מיט ים, מיט הימל און שטערן
אַמאָל אויך מיט קוואַל.

מיט קוואַל, וואָס פאַרמאָגט ניט קיין גאָלד און בריליאַנטן,
נאָר שעהען פון גוטסקייט, פון חן פון אַ פרוי,
פון שקיעות וואָס ברענען מיט לַעצטע גענוסן,
פון גלאַנציקע קליינעקע טראָפּעלער טוי.

מיט קוואַל וואָס פאַרמאָגט די שיינקייט פון וועלטן,
פון בלעטלער אין האַרבסט ווען זיי קושן אַ בוים,
און בעטן דעם ווינט ער זאָל ניט פאַריאָגן,
די אָרעמע בלעטלער ווייט פון דער היים.

מיט קוואַל, וואָס זיין ריזלען באַגלייט דיר מיט וווּנדער,
און שושקעט אַריין אין דיין אויער אַ וואָרט.
אַ וואָרט פון מתיקות, ווי אַמאָל האָט דיין מאַמע
איר גוטסקייט און חסד פאַר דיר אָפּגעשפּאָרט.

כ׳בין פאַרנומען מיט גאָט, מיט מענטש און מיט זיך
און אַמאָל מיט שיקזאַל.
כ׳בין פאַרנומען מיט טייך און מיט ים, מיט הימל און שטערן
אַמאָל אויך מיט קוואַל.

ביינאַכט איז אָפֿן אַ פֿענצטער צו דעם הימל,
בייטאָג, — געבויגן איז דער רוקן פֿון אַ טרעגער.
אַן אַנטלויפֿער כ׳בין אין אַלע מײַנע טעג,
ווי אַ בוים אַנטלויפֿט פֿון שאַרפֿן זעגער.

אַז דער הימל בלײַבט אַן אָפֿענער פֿאַרחלומט,
אַנטלויפֿט דער פּחד, ווי ס׳אַנטלויפֿט אַ גרויע שעה,
און קומט אָן צו שטילע קוואַלן,
וווּ קיין מורא איז ניטאָ.

כל זמן דער פֿענצטער צו דעם הימל איז נאָך אָפֿן,
כל זמן אַ שוועל נעמט אויף דײַן טראָט,
קומט אַ מענטש אויף וועגן דיר אַנטקעגן,
באַגלייט פֿון חן און לאַסקע און פֿון גאָט.

ביינאַכט איז אָפֿן אַ פֿענצטער צו דעם הימל,
דער רויש פֿון גאַס שוין רויִק, אײַנגעשטילט,
זאָגט אַ סוד דיר אָן די בלויע נאַכט :
האָסט דײַן לעבן אין קאָרטן ניט פֿאַרשפּילט.

האָסט דעם ווײַן אין כּוס צוריק אַהיימגעבראַכט.
האָסט דײַן פֿרייד צוריק דאָ אָפּגעוווּנען.
כל זמן אַ פֿענצטער צו דעם הימל איז נאָך אָפֿן,
בלײַבן אָפֿן אויך די קוואַלן און די זונען.

ווען שאָפּענהאַוער וואָלט צוגעוויגט אַ קינד
און קאַנט וואָלט גענומען פֿאַר אַ פֿרוי די מלכּה שבֿא,
ווען שפּינאָזע וואָלט אײַנדרויסן דערזען אַ שטיקל הימל
ווען קלעאָפּאַטרע וואָלט דעקאַרטן אויסגעטיילט אַ גוטע שעה, —

וואָלט די מחשבה פֿון דער וועלט געוואָרן נידעריקער, קלענער,
נאָר דער געלעכטער וואָלט געוואָרן פֿריילעכער און העכער,
די ערד וואָלט ניט דערגרייכט די הייכקייטן פֿון הימל,
נאָר דער הימל וואָלט אַראָפּ צודעקן די דעכער.

ווייל אַזוי וויל איך היינט אין פּנקס פֿאַרשרייבן:
איין געלעכטער איז מיר וויכטיקער פֿון צענדליקער דעקאַרטן,
די מחשבה זוכט דעם נצח, און וואַנדערט איבער וועלטן,
נאָר דער געלעכטער קען פֿאַרלוירן גיין, ניטאָ קיין צייט צו וואַרטן.

ווען פּאַסקאַל וואָלט פֿאַרשטאַנען מער די חנען פֿון אַ פֿרוי,
ווען סאָקראַטעס וואָלט קסאַנטיפּען קיינמאָל ניט פֿאַרקנסט,
וואָלטן וועלטן אויסגעזען ווי ליכטיקע גן־עדנס
און די טרוקענע מחשבה וואָלט ניט געזידיקט ווי עול, ווי לאַסט.

כ׳האָב ניט צוגעזאָגט מײַן לייענער תּהילות ותּשבחות
פֿאַר גרויסע גייסטער, פֿאַר מחשבה און פֿאַר גרויסע פֿילאָזאָפֿן.
לאָזט דעם ליריקער נקמה נעמען אין אייז־קאַלטן געדאַנק,
און זאָל דער גוטער לייענער ניט טאַדלען מיר און שטראָפֿן.

האָט אַ ייד אַן אַנדער וועג ?
פון יידישע בלעטער צו יידישע בלעטער.
אַ גאַנג דורך די צייטן, דורך תקופות און דורות,
צו אל צבאות, און ניט צו געטער.

האָט אַ ייד אַן אַנדער וועג ?
פון רמב״ם, יהודה הלוי צו לייוויק.
אַ גאַנג דורך די צייטן, דורך תקופות און דורות
פון נצח ביז נצח. אייביק.

האָט אַ ייד אַן אַנדער וועג ?
פון „שמע ישראל״, ביז פייער, זכרון,
פון טעג אויף עקדות, פון חורבן און גבורה
פון הייכע הימלען, פון טרערן און צאָרן.

האָט אַ ייד אַן אַנדער וועג ?
פון אַ ליד וואָס טראָגט דעם טאַקט און דעם גראַם:
יאָסעלע גולם קריק צו דער בינע
מיט פויסט און מיט האַק קעגן טאַדעאוש דעם כאַם.

האָט אַ ייד אַן אַנדער וועג ?
פרעגט אַלע דורות, פרעגט אונדזער דור.
פון „נהרות בבל״, ביז „זאָג ניט קיינמאָל״,
פאַרנעם אַלע קולות פון יידישן כאָר.

אפשר — אין אַ זומערדיקן שיינעם טאָג
וועלן קומען אויפֿן בית עלמין די קברנים
און וועלן זאָגן: מיר באַגראָבן מער קיין מתים,
יעדער מת האָט אַ לעבעדיקן פּנים.

עס שטאַרבן אָפּ די הענט, די פֿיס.
רמ״ח, שס״ה. נאָר ס׳איז דאָ אַ גליד וואָס שטאַרבט ניט אָפּ.
מיר באַגראָבן מער קיין מתים.
סטאָפּ.

אפשר אין אַ זומערדיקן שיינעם טאָג,
וועט קומען אַ מת און וועט זאָגן די קברנים:
זאָל יעדער קברן גיין אַ היים.
איך קען די מלאכה פֿון קברנים מאַכן אָן אים.

דער קברן און דער מת — צוויי וועלטן.
זיי וועלן זיך נאָך טרעפֿן אויף די באַריקאַדן.
באַשעוויס וועט נאָך אָנשרייבן אַ סיפּור
ווי אַ מת האָט דעם קברן צום בית דין געלאַדן.

צוויי וועלטן. מיט אָנגעשאַרפּטער, אכזריותדיקער שנאה:
די מתים קעגן די קברנים.
קיינער קען די בעלי־דין שלום מאַכן,
דאָ שטייען קאָמפּראָמיסלאָזע שונאים.

הײַנט בענקט זיך מיר נאָך ניגערן, נאָך ביקלען און נאָך גלאַטשטײנען,
נאָך אַ פֿולן וואָרט, נאָך ריזלדיקע קוואַלן.
עס בענקט זיך מיר נאָך זון, נאָך הייבע, בלאָע הימלען.
ווילן וויל איך האַלטן אויף מײַן טיש אַ זשמעניע שטראַלן.

ס׳איז מיר אומעטיק, יידיש וואָרט, ס׳איז מיר ווייזק־אומעטיק.
קיינער קען מײַן אומעט ניט צעטרייבן.
ווען איך טראַכט פֿון ניגערן, ביקלען און פֿון גלאַטשטיין,
וויינען שורות אין מײַן שרײַבן.

אפשר זינדיק איך, אפשר זענען די ווערטער מײַנע סתם —
אַ בענקעניש נאָך גלגולים, נאָך נפטרים.
די וועלט די יידישע אויך נאָכן פֿײַער
פֿאַרמאָגט שטערן, הימלען און איז אַזוי ניט אָרעם.

אפשר זינדיק איך מיט לשון הרע, און ס׳איז אַ בלבול
אויף אַ גאַנצן נײַעם דור, וואָס האָט אוצרות אויפגעקליבן
און אויך דאָס וואָרט פֿון זייער ליד, עסיי
איז מיט חכמה און ידיעה, מיט אויגן אָפֿענע פֿאַרשריבן.

אפשר. נאָר די בענקעניש האַלט מיר און לאָזט ניט אָפּ צו נאָגן,
אויב אַפֿילו ס׳איז אַ בלבול, נאָר אַ בלבול.
בענקען בענקט זיך נאָך די אָריגינאַלן
און ניט נאָך שאָטנס, אין קבלה רופֿט מען עס: אַ גלגול.

אַן אומפּערפעקטער טעקסט — פון בראשית ביז היינט.
עס פעלט די פערטע קעפּל פון דעם שין.
אַ פּגימה האָט דער טעקסט, און ביז דו וועסט די פערטע קעפּל
ניט געפינען,

האָט דיין וואָרט קיין זין.

ווען וועלן מיר די פּגימה פון דעם אות פאַרריכטן ?
אין וועלכער צייט ? אין וועלכער שמיטה ?
אָדער אפשר ניט מתקן זיין, זאָל די וועלט אין פּגימה לעבן,
ניט מתקן זיין. ניטע.

איך קען אַ קבלה מענטש, ער איז אַרויס אויף ווייטע וועגן,
אויפזוכן דאָס דריי און צוואַנציקסטע אות.
גייט ער שוין אַזוי שוין לאַנגע יאָרן.
אַן כעס. אַן צער און אַן פאַרדראָס.

מיסטיקער רעוואָלטיר ניט. רויק זור,
אפשר אין דיין רויקייט וועסטו דאָס פערטע קעפּל פון דעם שין
געפינען.

דער סדר עולם קלייבט זיך ניט צו שטאַרבן.
אויך מיט פּגימה אין דער בריאה, זשומען אין דעם בינשטאָק אַלע
בינען.

איך ווייס : שולדיק איז דער חטא פון עגל.
דער בעל הזוהר וויל פאַרריכטן די ערשטע לוחות
רעוואָלטיר ניט, מיסטיקער, רעוואָלטיר ניט.
אויך מיט פּגימה אין דער בריאה, רעשן זיך... אויף וועלטן אַלע רוחות.

איך קען אַ וואַלד און אין דעם וואַלד אַ זון פאַרגאַנג
איינזאַם שטייט אַ הויכער דעמב.
ביאַליקס ליד „די סאַזשעלקע״ פאַרוועבט אין זון פאַרגאַנג
און איך — ווי אין דער פרעמד.

פאַרוואָס ברענגט מיר ניט דער וואַלד דעם לייכטן שמייכל.
פאַרוואָס זע איך ניט דער סאַזשעלקע אין וואַלד.
פאַרוואָס שרייט אַרויס פון מיר מיט גבורה און מיט אומרו
אַזאַ באַקאַנטער אויסגעשריי: גוואַלד.

פאַרוואָס זע איך ניט ווי ס'וואַשט די זון די צעפּ פון שטאָלצן וואַלד,
פאַרוואָס זע איך נאָר דעם זון פאַרגאַנג?
פאַרוואָס זע איך ניט דעם חלום פון דער סאַזשעלקע
ווי ס'דערציילט דער דיכטער אין געזאַנג.

פאַרוואָס הער איך נאָר די טריט פון שווערן סוד אין וואַלד צעלייגט,
און ניט דאָס סודותדיקע ליבט צווישן צווייגן.
איך זע אין וואַלד דעם הויכן דעמב,
וואָס העלפט מיר אין מיין אומעט, אין מיין שווייגן.

איך קען אַ וואַלד, און אין דעם וואַלד אַ פאַרלוירענע בת מלכה.
זי שפּיגלט אָפּ איר פּנים אין דעם וואַסער־שפּיגל.
און איך מיט מיין געטריי: „גוואַלד״ קום אָן צו מחנות וואָלקנס.
מיט צוויי אָפּגעהאַקטע פליגל.

אויף די לוחות פון גרויסע דיכטער איז פאַרקריצט:
דאָס האַרץ פון ליבע איז גאָלע געהער.
ווי פון אַ געוויטער רייסט זיך אָפּ אַ צווייג,
אַזוי רייסט זיך אָפּ פון האַרץ אַ טרער.

אַמאָל ווערט ליכטיק פון אַ טרער, און דאָס האַרץ
ווערט אָפן ווי אַ בלום אין דעם קאַיאָר
אַ רעטעניש. אַ חידה. און דאָר, אַלץ ווערט אָפן,
אַלץ ווערט ליכטיק, ריין און קלאָר.

אויף די לוחות פון גרויסע דיכטער איז פאַרקריצט:
דער טיפסטער סוד פון וועלט און היים — די חנען פון אַ פרוי.
די אויגן וועלכע לייכטן פון די חסדים,
דער פרימאָרגנדיקער טיפסטער סוד פון טוי.

הימליש, זוניק, הויך און וואַרעם
איז די עצבות וואָס באַגלייט איר ניגלה און איר סוד.
שטיפעריש, ווי עס קייקלט אויף די וועגן האַסטיק
אַ יינגעלע זיין כישופדיקן ראָד.

אַלץ פאַרגייט. נאָר בלייבן בלייבט א י ר רייכקייט,
בלייבן בלייבט דער אמת: דאָס האַרץ פון ליבע איז גאָלע געהער,
בלייבן בלייבט די שפּראָצונג פון די פריידן,
בלייבן בלייבט דער טוי אין גאָרטן און די טרער.

ניש נאַקעט איז דאָס וואָרט,
נישט אַ יתום אין דעם חדר,
ריין און ציכטיק קומען אותיות,
אַפּילו אין צעפליקטע קליידער.

נישט איינזאַם איז דאָס וואָרט,
אויף מאַרק, אויף דעם געזעמל,
אָט זע — אַ פונק צעבלאָזן
און געוואָרן איז אַ פלעמל.

אַ וואָרט — אַ טראָפּן וואַסער,
און פּלוצלינג — ס׳ברויזט אַ ים,
דער פלעמל האָט געצונדן
אַ כישופדיקן פלאַם.

נישט נאַקעט איז דאָס וואָרט,
זיין מלבוש — אַ געדאַנק,
פאַרמישט מיט האַרץ, געפיל,
אַ כישופדיק געטראַנק.

נישט נאַקעט איז דאָס וואָרט,
ס׳איז אָנגעטאָן, פאַרוויקלט,
איך וויל אין זיינע אותיות
אַ פאָדעם זיין, אַ שטריקל.